# UCLA

## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Kheshbn No. 113- Spring 1989 - Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/6mb608md

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 113(1)

**Publication Date**
1989

**Copyright Information**
Copyright 1989 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

## 113

פרילינג
תשמ"ט

SPRING
1989

ארויסגעגעבן פון:

● לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז

מיט דער מיטהילף פון:

● ל.א. קאונסיל פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד

● אַרבעטער רינג קולטור-צענטער אין ל. א.

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# דער ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אַמעריקע. דעם פאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פּראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כּוח פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל — די הסתדרות העובדים;
- העלפן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמעריקע און זאָרגן פאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפן פאַר אַ בעסערער אָרדענונג פון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פאַרבאַנד איז אַ פראַטוירנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פאַר דעם היינט און מאָרגן

**מיר לאַדן אייך איין אַנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען**

ל. א. שטאָט־קאָמיטעט פון
ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
ד״ר מאַרטין טאַפּט, פּרעזידענט

## LABOR ZIONIST ALLIANCE

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048
Telephone: 655-2842

# HESHBON

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street • Los Angeles, California 90048

EDITORIAL BOARD:

M. SHKLAR S. WEISS I. GUBKIN S. SCHLOSSER
469 N. Orlando, L.A. Ca. 90048

ADMINISTRATIVE COMMITTEE:

G. FRYDMAN, Financial Sec'y and Administrator
337½ N. Hayworth Ave., Los Angeles, Calif. 90048–Tel. 655–1292
Members: MOSHE COHEN, NAT GIEROWITZ & J. SHAFER

Subscription price: $ 8.00 per year

# אינהאַלט

חנן קיעל: גאולה־מאָטיוון אין לייוויקס דראַמעס — 3
מאיר חרץ: לידער — 9
שואל גוטמאַן: ריינהאָלד ניבור — פון די חסידי אומות העולם — 11
שלום שטערן: לידער — 17
מ. אָליצקי: לידער — 18
שמואל איזבאַן: אַ פּריטיק צו נאַכט אויף אַ פּליטים־שיף — 19
משה שקליאַר: לידער — 25
פּראָפ. סאָל ליפּצין: וועגן משה שקליאַרס ניי לידער־בוך
„ליד און לעבן" — 26
לילי בערגער: די גייסטיקע פּאָטערס האָבן דורכגעלייגט דעם וועג — 27
חיים פּלאָטקין: לידער — 35
יוסף ראָגעל: לידער — 37
שיע טענענבוים: אַ שטילער לויטערער פּרינץ — 39
חנן קיעל: לידער — 44
ישראל גובקין: צוויי עלעגיעס — 45
עקיבא פישבין: מאַרקעל — דער מאָלער פון שטיל־לעבן — 46
הינדע זאַרעצקי: לידער — 50
משה עטינגער: לידער — 51
יצחק קאַהאַן: וואלטער בענדזשאַמין — דער דייטש־יידישער שרייבער — 52
חיים קעניגער: לידער — 58
חיים שוואַרץ: מיין דור (ליד) — 59
יאָסל צוקער: פּאָל (דערציילונג) — 61
י. ח. ראָנטש: איידער איך פאַרלאָז (ליד) — 68
רבקה קאָפּע: נשמה־פּרילינג (ליד) — 69
* יידישע שרייבער וועגן ש. גוטמאַנס בוך „אַמעריקאַנער
יידישער קיבוץ אין פּראָפיל" — 69
* נייע ביכער — 71
יעקב שייפער: כראָניק פון ל.א. יידישן קולטור־קלוב — 72
גרשון פרידמאַן: אונדזערע אבידות — 74

רעדאַקציע קאָלעגיע:
משה שקליאַר
שמואל ווייס
ישראל גובקין
זלמן שלאָסער

# חשבון
נומ. 113
פעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

פאַרוואַלטונג:
מיטגלידער:
גרשון פרידמאַן, פינ. סעקר.
און אַדמיניסטראַטאָר
נתן גראַוויטש, משה כהן
און
יעקב שיפער

44 סטער יאָרגאַנג, נומער 113 • האַרבסט 1989 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.

חנן קיעל / ניו־יאָרק

## גאולה — מאָטיוון אין לייוויקס דראַמעס

### צו ה. לייוויקס 100־סטן געבוירן־יאָר

### א. עקדה און גאולה

אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור נאָך פּרצן האָט לייוויק זיך אַנטפּלעקט ווי אַ דיכטער — וויזיאָנער וואָס האָט באַווירקט אונדזער דור אין גורלדיקן, טראַגישן יאָרהונדערט. ער איז אונדזער פאַריאושט קול צום פאַרשטיינערטן וועלט — געוויסן, צום בן — אדם, וואָס איז נישט זיין ברודערס היטער. בכדי צו פאַרשטיין די יידיש — אוניווערסאַלע פערזענלעכקייט פון לייווקן, די מאָטיוון וואָס האָבן באַגלייט זיין שאַפונגס — וועג, מוזן מיר זיך דערגרונטעווען צו די בראשית — קוואַלן פון זיין לעבן, די משפחה — איינפלוסן, די אידעאָלאָגישע קאָנפליקטן וואָס האָבן זיך געראַנגלט אין די טיפענישן פון יונגען רעוואָלוציאָנער. לייוויק וואָס האָט אין זיינע דראַמעס אָפּט אַרויסגעבראַכט צעשפּאָלטענע פאַרווירטע נשמות, וואָס ער אַליין איז אפשר געווען איינער פון זיינע העלדן, האָט אונדז אויך באַווירקט מיט דער זעלטענער שלימותדיקייט פון זיין ייד — איך — מענטש, די נישט — צעטיילעוודיקייט פון דיכטערס יידישער פערזענלעכקייט, ווי אַ קינד פון מענטשן — מין, וואָס לעבט אין זיין יחידישער וועלט.

יעדער אוניווערסאַלער דיכטער איז פריער פון אַלץ אַ זון פון זיין פאָלק. זיין פערזענלעכקייט צעבליט זיך פון אייגענעם שטאָם. ווי פּרץ און ביאַליק האָט אויך לייוויק איינגעזאַפּט אין זיינע בלוטן די הומאַנע אידעען פון אונדזערע נביאים, מיסטיקער, דיכטער, ביז די מאָדערנע קעמפער פאַר תיקון עולם במלכות שדי (אַ בעסערע וועלט). לייוויקס יידישקייט איז נישט קיין דאָגמאַטישע, נאָר אַן אורח — חיים פון אייביק ״ווערן״ און אויך אַן אוניווערסאַלקייט וואָס רייסט זיך נישט אָפּ פון אונדזער טראַדיציאָנעלער ירושה. אין זיינע גאולה — און עקדה=מאָטיוון שפּיגלט זיך אָפּ אונדזער אייביקע דראַמע, די צייט פון איוב, וואָס איז אויך אונדזער צייט, דער חלום פון ישעיהס אחרית הימים, רב עקיבה, דער מהר״ם פון רוטענבורג, דער עקשנות דיקער פאַסיווער קעמפער — מאַרטירער אין דער רשעותדיקער מלוכה פון הערצאָג רודאָלף, און הירש לעקערט דער רעוואָלוציאָנער=מאַרטירער; פון מהר״לס גולם ביז דער חתונה אין פערנוואַלד, און נאָכן חורבן — די חבלי לדה פון אַ יידישער מדינה.

לייוויק גלויבט אין זיין חלום און שליחות, הגם ער זעט אָפּט דעם געראַנגל פאַר עקזיסטענץ ווי אַ פינצטערער תהום פון נאַכט, מאַכט און תאווה. אים איז באַקאַנט מענטשלעכע רשעות פון זיינע אייגענע דערפאַרונגען אין תפיסות, ווען ער האָט געטראָגן די קייטן אויף סיבירער קאַטאָרגע, אָבער זיין זאָרג איז פאַרן קרבן און רשע באַנאַנד, ביידע עטעמען די זעלבע לופט און טראָגן דעת צלם — אלהים. ער ווייסט אויך אַז יידישע גאולה איז נישט מעגלעך אָן דער וועלט — דערלייזונג. אָבער דער עיקר איז פאַר אונדז דער יחיד. דער שאַפונג — פּראָצעס פון כמעט אַלע זיינע ווערק איז פאַרבונדן מיט זיין אייגענער וועלט. די טיפע איינגעקריצטע ווונדן פון זיין קינדהייט; זיינע קאָמפּלעקסן, שולד — געפילן פאַר מענטשלעכע ליידן, זיין מאָראַליש מאַזאָכיסטישע אָבסעסיע, דאָס בעטן פאַר זיך שאַרפע ווייטאָגן: "שנייד אַרויס פון שטערן מיינע אויגן / רייס אַרויס די צונג פון מיין גומען... נייע ליידן וויל איך, קומט וואָס שנעלער" (אין קיינעמס לאַנד").

ער באַדויערט, וואָס, אין טרעבלינקע בין איך נישט געווען "און ער איז סיוּוי מיט זיין גאַנץ וועזן געשטאַנען אויפן שוועל פון אומקום — לאַגער. לייוויק איז אַ פּרווידיאַנישער מוסטער פון ליבע — האַס געפיל צו זיין פּרוסטרירטן טאַטן, זיין "סופער — עגאָ" מיט דער רויטער פלאַם — פייערדיקער באָרד, דעת לערער פון דינסטמיידלעך, וואָס האָבן זיך געלערנט שרייבן בריוו צו די געשעצטע ברויטיגאַמס: ער געדענקט זיין טאַטנס ליידן, ווען לייוויק האָט אויפגעהערט דוכענען אין שיל און ווען ער האָט זיך נישט געוואָלט פאַרטיידיקן אין געריכט פאַר זיין רעוואָלוציאָנערער בונדישער אַקטיווקייט. ער געדענקט זיין פאַרשעמטן טאַטן וואָס האָט נישט געקענט מפרנס זיין דאָס אָרעמע הויזגעזינד: און די מאַמע, אַ בעקערין, וואָס האָט אויף זיך געטראָגן דעם שווערן עול. ער האָט זייו גאַנץ לעבן געהאַט פאַר זיינע אויגן דאָס טראַגישע בילד פון זיין צעברענט שוועסטערל.

דאָס פּערזענלעכע לעבן איז אַ וויכטיקער קאָמפּאָנעט אין דיכטערס וועלט — באַנעם. דער מלאך עזריאל, דער צעבונטעוועטער העלד אין די "קייטן פון משיח" פאַרלאָזט זיין הימלישע וועלט צו ווערן אַ ליידנדיקער מענטש אויף אונדזער זינדיקער ערד.

צוויי מיטאָסן: עקדה און גאולה האָבן באַגלייט לייווקן פון זיין קינדהייט ביז די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן. זיי האָבן אויך באַגלייט אונדזער פאָלק אין זיינע וואָגלענישן, חורבן און עצמאות. די עקדה איז דער סימבאָל פון מענטשלעכע קרבנות אויפן מזבח פון פאַנאַטישע אידעען. די מכלומרשטע שטות פון גאָט אָדער אילוזיע פון אַן אידעאָלאָגיע וואָס פאָדערט עקדות קעגן ווילן פון קרבן, ווייל דער ציל הייליקט די מיטלען. אַ חוץ די דראַמאַטישע פּאָעמע — "עקדה", איז דער מאָטיוו פאַרוועבט אין אַנדערע דראַמעס, ספּעציעל "אין די טעג פון איוב", וואָס לויט געוויסע מסורות האָט איוב געלעבט אין דער צייט פון אברהם, הגם "איוב לא היה ולא נברא" איוב איז בלויז אַ דיכטערישער משל. אין דער "עקדה" האָט לייוויק געהאַלטן מיטן שטן וואָס האָט געבונטעוועט יצחקן קעגן זיין טאַטן. לייוויק האָט ווי אַ חדר — ייִנגל מיטגעשפּילט מיט די עלטערע בחורים "עקדת יצחק". ער האָט געשפּילט די ראָל פון שטומען אומבאַהאָלפענעם שעפּסעלע.

אין "איוב" וואָרנט דער שעפּס אַז דאָס מעסער איבער זיין האַלדז קען זיך אַראָפּלאָזן אויף יצחקן און זיינע קינדער. אויף דער קאָנפערענץ אין ירושלים (1957) דערמאָנט דער דיכטער זיינע חדר — יאָרן ווען דער רבי האָט געלערנט מיט די קינדער "עקדת יצחק". ליוויק האָט זיך דעמאָלט צעוויינט: וואָס וואָלט געווען ווען דער מלאך וואָלט געקומען צו שפּעט? פאַר אונדזערע יצחק לעך איז דער מלאך געקומען צו שפּעט. מיט אונדזערע אומגעקומענע קינדער איז אויך משיח, דער מענטשלעך — יידישער חלום שיעור אויך פאַרברענט געוואָרן אין קרעמאַטאָריע.

דער משיח — חלום האָט באַגלייט אונדזערע אַלע גלותן. אין פינצטערע טעג איז דער גלויבן אין גאולה געווען אַ טרייסט: אין צייטן פון יאוש האָט דער מענטשלעכער חלום פון דער לייזונג געגעבן אַ זין אונדזער גראַנגל פאַר קיום.

משיח איז אויך געווען דער פילאָזאָפישער קרעדאָ פון אונדזער גרויסן נאַציאָנאַלן און אוניווערסאַלן דיכטער — חוזה, ה. לייוויק.

סײַ דער רעליגיעזער, פּערזענלעכער משיח, סײַ דער סאָציאַלער משיחיזם האָט אָפּט זיך געריסן צו מאַכן אַ סוף צו די אייביקע מענטשלעכע ליידן און האַס, צום ״האָמאָ האָמיני לופּוס עסט״ ״אין דער פינצטערניש פון מדבר / שטייט משיח געשמידט אויף אַ קייט / ער שטייט און וואַרט אין האָפענונג / ביז מענטשן וועלן ווערן גרייט״. אין דער היסטאָריע איז שטענדיק געווען אַ טענדענץ דוחק צו זיין דעם קץ, צוציילן די גאולה דורך מיסטישע קאַנאַלן, דורך קבלת מעשות. ווי אין צפת דער ארי הקדוש, אָדער אין פּראָג — דער באַשאַף פון גולם. אין וועלטלעכן זין איז דאָס צוציילן די גאולה געווען פאַרבונדן מיטן מאַרקסיזם, נאַציאָנאַלע מלחמות, אַנאַרכיע און רעוואָלוציעס. לייוויק איז געווען מיטגעריסן מיטן משיחיזם פון זיין צייט. פאַר אים זיינען די משיח — קייטן געווען מענטשלעכע קנעכטשאַפט און די משיח — ווונדן — מענטשלעכע ליידן. די עקדה איז אפשר אַ פּרעליוד צו דער משיחישער דראַמע. לייוויק ווי אַ רעוואָלוציאָנער האָט זיך געראַנגלט מיטן אייגענעם געוויסן: צי זענען די גאולה — צילן ווערט אַזויפיל מענטשלעכע, צומאָל אומשולדיקע קרבנות? די אַלטע פּרצישע ״האָפענונג און שרעק״. ניגער דערמאָנט דאָסטאָיעווסקיס אַ זאָג, אַז די גאַנצע צוקונפט — סטרוקטור איז נישט ווערט די מינדעסטע טרער פון אַ קינד. לייוויק פּראָבירט ענטפערן אויף דער דילעמע מיט דער קאָנצעפּציע פון פּערזענלעכע ליידן. ״איך זיי מיינע לידער ווי קערנער איך זיי / זיי וואַקסן, זיי בליען ווי זאַנגען און קרייטער / נאָר איך אַליין ליג ווי אַ דאָרן צעדרייט / איך הייב זיך אויף ווידער און שפאַן אַוועק ווייטער,״ די רוסישע תפיסות, די שנייען סיבירער האָבן געבוירן זיין גאולה — חלום. ווי אין דער לעגענדע האָבן די משיחים געביטן זייערע נעמען: משיח בן יוסף, משיח בן דוד און אפילו דער גולם מיט דער האַק. קיין אַמעריקע האָט ער געבראַכט די בענקשאַפט צו דעם לאַנד דעם פאַרבאָטענעם. אין דער צייט פון מלחמה און רעוואָלט איז לייוויק דאָס געוויסן פון דור, די רעפלעקסיע פון אומקות און ווידערגעבורט, צווייפל און גלויבן אין אונדזער אילוזיע פון דער גאולה שלֵמה!

## ב. דער גולם

די סימבאָליש — דראַמאַטישע פּאָעמע ״דער גולם״ וואָס לייוויק האָט געשאַפן אין זיינע פריע דרייסיקער יאָרן איז ניט נאָר געוואָרן די קרוין פון זיינע ווערק, נאָר אויך זיין פילאָזאָפיש — דיכטערישער אני מאמין. די דראַמע שטיצט זיך אויף דער אַלטער פּראָגער לעגענדע וועגן מהר״ל (אין זעכצנטן יאָרהונדערט) וואָס האָט געשאַפן אַ גולם פון ליים, וואָס זאָל באַשיצן, די געטאָ — יידן פון די בלבול — פלענער פון רשעותדיקן גלח טאַדעוש. הגם די דראַמע קען אויסגעטייטשט ווערן אויף אַ פאַרשידנאַרטיקן אופן, גלויבן מיר אַז די יסודותדיקע אידעען דאַרף מען זוכן אין יענער גרויליקער צייט פון דער ערשטער וועלט=מלחמה, רעוואָלטן, פּאָגראָמען און די טונקעלע האָפענונגען וואָס עס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די אָקטאָבער רעוואָלוציע. די לעגענדאַרע געשטאַלטן אין דער דראַמע דריקן אויס די מוראדיקע געראַנגלענישן, די טיפע זאָרג פאַרן יידישן גורל אין יענער אומזיכערער צייט. אפשר הערן זיך שוין די טריט פון משיח. איז דאָס טאַקע דער אמתר גואל, אָט דער יאָסעלע גולם מיט דער האַק. אָט דרייט זיך דער מאַן מיטן קרייץ, וואָס האָט מיט זיינע ליידן געוואָלט ברענגען דערלייזונג: ס׳שפּילן מיט

סימבאָלישע טיפֿן, ווי תנחום, דבורה, דער אַלטער און יונגער בעטלער (אליהו און משיח בן דוד) וואָס דער מהר״ל פֿאַרטרייבט זיי, הגם ער בענקט צו אים, דעם אמתן דערלייזער, אָבער זיין צייט איז נאָך נישט געקומען, ווייל יעצט איז די צייט פֿון ליימענעם גולת. דער מהר״ל — באַשעפֿער פֿון גולם איז לייוויק אַליין וואָס האָט געוואָלט מיטגיין מיט די וואָס ווילן דוחק זיין דעם קץ.

ער האָט אָבער געפֿילט אומזיכערקייט און צווייפֿל אין זיין גולם — באַשאַף. ״אַזויפֿיל אומרו אין דיין האַרץ, אַזויפֿיל שנאה, שוואַרצע תאווה, קאַלטע בייזקייט, אומבאַהאָלפֿנקייט אין דיינע אָדערן פֿליסט״, דער מהר״ל וואָס האָט אַליין אין זיך געטראָגן די פֿינצטערניש און שנאה פֿון גולם האָט, ווי מיר אַלע, זיך געראַנגלט מיטן אומוויסיקן גורל. ער האָט מורא געהאַט אַז די האַק קען זיך אַראָפּלאָזן אויף אונדז אַלע באַנאַנד מיט די אידעאַליסטישע באַשעפֿער פֿון גולם, וואָס ער האָט בנביאות פֿאָרויסגעזען.

דער מהר״ל ציטערט איבער זיין באַשאַף, ווי דער דיכטער לייוויק, דער גולם וואָס טוט דעם מהר״לס שליחות איז אויך אַ יחיד מיט מענטשלעכע געפֿילן פֿון ליבע, אומרו, איינזאַמקייט, וואָס קענען נישט דערשטיקט ווערן. אויך ער וויל זיך באַפֿרייען פֿון די קייטן. אפילו טאַדעוש דער גלח ווערט מיד פֿון אייגענעם האַס. און ווען דער גולם הייבט אויף די האַק אויף די געטאָ — יידן, האָט דער מהר״ל חרטה אויף זיין באַשאַף. ״אויף מיין קאָפּ פֿאַלט דאָס בלוט, געקומען ראַטעווען און אַליין פֿאַרגאָסן בלוט״.

און ער פֿאַרוואַנדלט די גולם — אידעע צוריק אין שטויב. אין אַן עס ״די האַק״, פֿון זיינע זכרונות נאָטיצן (צוקונפֿט — 1952) דערציילט לייוויק וועגן אַ באַגעגעניש מיט די סאָוועטיש יידישע שרייבער בראש מיט מ׳ ליטוואַקאָוון און איזי כאַריק. געווען איז דאָס נאָך אַ לעצטער גולם — פֿאָרשטעלונג פֿון דער העברעישער הבימה אין 1925 אין מאָסקווע. ס׳איז פֿאָרגעקומען אַן עמאָציאָנעלע דיסקוסיע — מיט טענות צו לייוויקן פֿאַרוואָס ער האָט אַרויסגעריסן די האַק פֿון זייער באַליבטן גולם. פֿאַרוואָס האָט ער דעם גולם פֿאַרוואַנדלט אין שטויב. דער גולם איז נישט קעגן אונדז נאָר קעגן קלאַסן — שונא. לייוויק האָט זיי דערקלערט אַז זיי האָבן נישט ריכטיק אויסגעטייטשט די דראַמע. עס האַנדלט זיך דאָ וועגן די יידישע גורלות אין אָנבליק פֿון ענדערונגען, פֿון נייעם סדר העולם דורך רעוואָלוציעס, די נישט — זיכערקייט פֿון היסטאָרישע פּראָצעסן ווען ס׳קומט צום גורל פֿון יידיש — מענטשלעכן קיום.

לייוויקס מורא איז געווען באַרעכטיקט, די האַק האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט רציחה אויף יידישע שרייבער און אויפֿן יידישן קיום. די האַק פֿאָכעט אַלץ נאָך איבער אונדזער קיום און איבער דער מענטשהייט. די הייליקע אידעען פֿון פֿעלקער — פֿרייהייט און סאָציאַלער גערעכטיקייט איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּערמאַנענטער גאולה — קאָמעדיע, ״די גאולה — קאָמעדיע״ וואָס לייוויק האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין 1934, ערב די בלוטיקע פּראָצעסן אין מאָסקווע, איז געווען אַן אומפֿאַרמיידלעכער המשך פֿון דער גולם — דראַמע.

## ג. גאולה — קאָמעדיע

הגם אין לייוויקס גאולה — דראַמעס איז דער פּערסאָנאַזש אַ סימבאָלישער זיינען די העלדן פֿולבלוטיקע יחידים מיט אַלע מענטשלעכע אייגנשאַפֿטן, וואָס לעבן אָפֿט נישט בשלום מיט זיך. מיר מוזן זיך אַריינלעבן אין די העלדן, אין זייער פֿאַרווירטקייט און נשמה — קאָנפֿליקטן בכדי צו פֿאַרשטיין דעם דיכטערס קאָנצעפּציע בשכות די היסטאָריש — סימבאָלישע דראַמעס, די איבערחזורונג פֿון אידעאָלאָגישע רציחות פֿון

מענטש קעגן מענטש אין צײַטן ווען "די געטער זיינען דורשטיק נאָך בלוט". דער קרבן — קאָמפּלעקס האָט אים נישט אָפּגעלאָזט. ס'טאָר נישט זיין קיין קרבן אַפילו פאַר גאָט, ווייל לעבן איז הייליק. אין "דער גאולה — קאָמעדיע" לעבט צוריק אויף דער גולם. ער ווערט אַ דערוואַקסענער, באַוווּסנדיקער, דערפאַרענער און טראָגט אַלץ נאָך אין זיך די אומשולד פון אַ מאַסן — קינד וואָס זוכט דעם אמת, די מענטשלעכע. דערלייזונג, ער וויל ברענגען משיחן צו באַפרייען די וועלט פון קנעכטשאַפט, און דעם מענטש פון זיינע אינערלעכע קייטן. ס'קומען פאַר קאָנפליקטן פון זיינע אינזיכישע כוחות מיט די געזעלשאַפטלעכע אידעאָלאָגיעס. ווי אין דער דראַמע "די קייטן" ווען דער פאַנאַטישער לעווינע וויל זיין קלאַס באַפרייען פון די ערשנדע קייטן, וויל יוסף זיך אַליין באַפרייען פון אינערלעכע קייטן. דער איצטיקער גולם איז איידעלער, אָבער אין זיין אידעאַליזם לאָזט ער זיך באַאיינפלוסן פון פאַלשע נביאים, פון האַרצלאָזן אַרמילוס, אַז דערלייזונג קען קומען דורך טעראָר, רעוואָלט און דיקטאַטור. נאָך דער לאַנגער מלחמה פון גוג און מגוג און די חבלי לדה פון משיח ווערט דער זיגער מגוג געטויט פון משיח בן יוסף וואָס קלאַמערט זיך אין זיין מאַכט מיט דער הילף פון לילית, אַרמילוס און תלין. דער געוועזענער טרוימער ווערט אַ גרויזאַמער דיקטאַטאָר און שליסט איין אין תפיסה חנינהן (משיח בן דוד) וואָס וואַרט אויפן טויט — אורטייל.

דער נאַיווער, ערלעכער גולם מיינט אַז אין דער איצטיקער צייט איז נויטיק קרבן און ברוטאַלער כח, אָבער אין זיין נשמה — געראַנגל צווישן די כוחות פון פינצטערניש, זינד (לילית) און אמתער ליבשאַפט — (דבורה), רופט ער אַרויס אַ נייעם בונט קעגן טיראַן — משיח בן יוסף — צו באַפרייען חנינאן.

און אַז משיח בן דוד ווערט דער גואל מוז ער דאַך פאַרניכטן זיין קעגנער, געגנוי ווי אין דער חד — גדיא, די געשיכטע איבערחזרט זיך. אַזוי — די פראַנצויזישע רעוואָלוציע, אַזוי — די באָלשעוויסטישע. די זעלביקע גאולה — קאָמעדיע, משיחים קעמדן צווישן זיך פאַר מאַכט, פאַרניכטן זיך איינער דעם צווייטן און האַלטן דאָס פאָלק אין פחד און אין טעראָר. און דער מענטש איז הפקר. "הפקר הפקר און הפקרות, / פליקט די בערד פון אַלטע דורות / זון אויף טאַטן, נאַר אויף קלוגן, / זופט די פרייד פון פולע קרוגן, / נעכט אין פלאַקער, טעג אין שטורעם / לאַכט פון טרויער און יסורים / וואָס איז איינער, גאָרניט איינער / אַ סקעלעטל — הויט און ביינער / אַלע אַלע הוליע, / כולו חייב, חייב כולו".

אין דער גאולה וואַקכאַנאַליע קומען אום די הומאַנע ווערטן באַנאַנד מיט די אידעאַליסטישע קעמפער. אין יענער צייט פון רייניקונג, פאַרשיקונג אין לאַגערן. אונטערדריקונג פון מענטשלעכע רעכט, איז שווער איבער לעבן און לעבן — בלייבן, מיטן אויסנאַם פון תליון און "אַרמילוס — דעת נביא פון היינט", דער פיל — פנימדיקער נאַכלויפער נאָכן שטאַרקן, נאָך יעדן זיגער. אַרמילוס איז געבוירן געוואָרן פון אַ שטיין און אַז משיח וועט קומען וועט ער צוריק אַריין אין שטיינערנעם מוטער — טראַכט. אין דער גאולה — קאָמעדיע וואָס איז אפשר אויך אַ טראַגי — קאָמעדיע שפּיגלט זיך אָפּ לייוויקס באַנעם אַז די מענטשלעכע רעוואָלוציע טאָר זיך נישט שטיצן אויף עקדות. לויט לייוויקן מוז אויך זיין באַליבטער משיח בן דוד אומקומען ווייל זיינע הענט האָבן געמוזט אומברענגען דעם טיראַן בן יוסף, טאָר ווער איז איצט דער אמתער גואל? דער נייער ערלעכער גולם — קינד, וואָס פאַרבינדט זיך מיט דבורהלען, דער סמיבאָל פון אמתער מענטשלעכער ליבע, די הומאַנע רעוואָלוציע פון געלייטערטן מענטש.

"די גאולה קאָמעדיע", וואָס שפּיגלט ממש אָפּ די שוידערלעכע סטאַלין — יאָרן, האָט דעם דיכטער פאַרפאָלגט מיט זאָרג און יאוש וועגן דעם גורל פון אונדזער

משיח — חלום. דורך די יאָרן איז דער „אמתער משיח צדקינו וואָס האָט אָנגעפילט די הערצער פון דער יוגנט מיט האָפענונג פאַרברענט געוואָרן אין קרעמאַטאָריע באַנאַנד מיט די 6 מיליאָן קדושים.

## ד. חתונה אין פערנוואַלד

„והיה באחרית הימים / אַ וואָלף מיט אַ ציגעלע וועלן וווינען צוזאַמען / און אַ קליין יינגעלע וועט זיי פירן ביי די הענט, / אָ נביא, ברענג צוריק דער מאַמען / איר יינגעלע וואָס איז געוואָרן פאַר ברענט." אין 1945, ווען די מלחמה האָט זיך נאָר וואָס פאַרענדיקט און די וועלט האָט גענומען איינשטעלן אַ נייעם סדר, איז משיח מער ניט געווען צווישן די לעבעדיקע. אין פיין און טאָרטורן איז ער פאַרברענט געוואָרן אין קרעמאַטאָריע. ער האָט אויף זיך אַליין גוזר געווען די ליידן פון געטאָ און גאַזקאַמערן. אָן יידן איז דער משיח — חלום מער נישט נייטיק. לייוויק פאַרצייכנט די כראָניק פון דער ערשטער חתונה פון די געראַטעוועטע. ער טראַכט זיך אַריין אין זייערע אינערלעכע איבערלעבונגען, אין זייער קאָשמאַרנעם אַליין — זיין מיט זיך. ווי קענען מיר לעבן נאָכן חורבן, ווי קען מען בויען היימען, טאַנצן אויף חתונות, שאַפן משפחות, אָנהייבן אויף ס׳ניי, מיט דער בלאַסער מיסטעריעזער פרייד, שטיקנדיקע טרערן, געראַנגלענישן מיט זיך און שולד — געפילן פאַר בלייבן לעבן. די שאָטנס פון אַלע אומגעבראַכטע אין די טויט לאַגערן זיינען געסט אויף דער חתונה אין פערנוואַלד, און דער גואל?

צי ער איז דאָ צי ערגעץ אַנדערש,<br>
מיר גלויבן אין זיין נצח סיי ווי סיי;<br>
אין טיפעניש פון קבר אני מאמין<br>
אז חי משיח, אייביק, אייביק חי.

צווישן די געראַטעוועט גייט אום דער אַלטער פליט אליהו, די טרייסט, וואָס זוכט אויס פון קרעמאַטאָריע=אַש זיין זון משיח צו ברענגען מוט און האָפענונג פאַר די לעבן=געבליבענע יידן. ווייל נאָר דער משיח — חלום קען זיי צוריק — געבן דעם צוטרוי און אַ בסל גלויבן אין מענטש.

דער חתן — אברהם קען ניט פאַרגעסן זיין אומגעקומען יצחקל, ער בענקט צו זיין געליבטער שרה: ס׳קומען פאַר דיאַלאָגן, טענות, שולד — געפילן.

אַ געראַטעוועטע פרוי, די כלה — שרה, ווערט פאַרפאָלגט פון „הרוג" איר פאַרפייניקטן מאַן, וואָס איז נישט געקומען צו קבר ישראל. גאַנץ „עמך" קומט זיך צוזאַמען אויף דער פריילעך — טרויעריקער חתונה.

אויך דער אַלטער פליט און דער יונגער משיח — פליט זיינען דאָ און העלפן זיי אין דעציזיע, אַז ס׳איז אַ מִצווה אָנצוהייבן אויף ס׳ניי. ס׳וואַרט אויף זיי ארץ ישראל, ס׳וואַרטן יידן, וואָס לעבן, ס׳וואַרט משיח אליין. אפילו די אומגעקומענע געסט אויף דער חתונה געבן זייער הסכמה אויפן ערשטן אָנהייב, און געבן זייערע ברכות וואָס זיינען מיט פייער פאַרשריבן. דער בדחן באַזינגט חתן כלה: „נעמט זשע, נעמט כלי זמר, שמערל און יידל / ציט אָן די סטרונערס אויפן אַשיקן פידל, / 6 מיליאָן יידן מיינט מען אונדז אַלע / שפּילט זשע אַ פריילעכס פאַר חתן און כלה."

נישט נאָר די געראַטעוועטע זיינען די זאָרג פון דיכטער, נישט נאָר די קרבנות, נאָר אויך די פייניקער וואָס טראָגן דעם צלם אנוש. ס׳איז אַ תהום, אַ פינצטערער וואָלקן וואָס קען אויסלעשן יעדעס ביסל ליכט. און דער פאַרפייניקטער הרוג וועט מסתמא געפינען זיי רו אין יד ושם. מיר איז נישט ליב געווען דער „העפּי ענד". איך האָב געהאַט די זכיה צו קענען דעם גרויסן דיכטער. ווי אַ לערער פון דער ה. לייוויק שול האָב איך אים

**מאיר חרץ** / ירושלים

# לידער

## אַנדערש

איך האָב הײַנט געחלומט אַן אַלטן חלום
און איבערגעחלומט אים אַנדערש אין גאַנצן,
ווי כ'האָב דאָס ערשטע מאָל אים געחלומט,
ווען כ'האָב געזען זיך אין חלום טאַנצן.

נישט אמת, ווייס איך, וועט איר זאָגן,
מע זעט זיך אַליין נישט, סײַדן אין שפּיגל,
נאָר נישט אין חלום, דערויף קען איך זאָגן —
איך האָב זיך געחלומט אַקעגן שפּיגל.

— ווי קען מען טאַנצן און אין שפּיגל קוקן?
— מע קען, מע קען, אין חלום קען מען —
אַ ליד דערפון שרײַבן און אויך עס דרוקן,
מע דאַרף זיך נאָר מיטן חלום נישט שעמען.

בלויז איצטער האָב איך געפילט אים אַנדערש
דעם טאַנץ פון דעמאָלט, פון יענע יאָרן,
בלויז איצטער האָבן די פיס זיך געפּלאָנטערט
און איך אַליין בין אַנדערש געוואָרן.

ירושלים, 5טער נאָוועמבער, 1988

## צו ביסלעך

צו ביסלעך געוויינט מען זיך צו
צום נישט זײַן, צום נישט ווערן
און רופן רופט מען דאָס אייביקע רו,
די רו, וואָס קיינער קאָן זי נישט שטערן.

---

פאַרבעטן רעדן צו די קינדער אויף אַ פּורים — פייערונג און ער האָט דערציילט וועגן זיין קינדהייט און זיין אָנטייל אין חדר — שפּיל פון עקדת יצחק.

אין אַ פּריוואַטן שמועס האָב איך מיט אומזיכערקייט אָפּגעפרעגט דעם סוף פון דער דראַמע "חתונה אין פערנוואַלד". אָ שאָד אַ שאָד, וואָס דער פאַרפייניקטער ייד האָט זיך צופרידנגעשטעלט מיטן יד ושם מאָנומענט. ער האָט געדאַרפט אומגיין אַ צעברעכטער און שטערן די רו פון גלייכגילטיקן וועלט — געוויסן. אָבער דער דיכטער איז נישט געווען קיין פעסימיסט. ער האָט נישט אויפגעהערט גלויבן אין האַרץ פון דער וועלט. מיר טאָרן נישט ווערן ציניש און פאַרצווייפלט. מיר טאָרן נישט דערשטיקן אין זיך דעם הייליקן אני מאמין.

איך געדענק דעם פאַרבענקטן שמייכל אויפן דיכטערס פּנים ווען אַ תלמיד פון דער ה. ליוויק שול האָט רעציטירט זיין ליד "אונדזער חלום":

"אַ יידיש קינד זאָל קיינמאָל ניט אויפהערן זיין גרייט
צו זוכן די טריט פון משיח און אָפּבינדן אים פון דער קייט".

צו ביסלעך, צו ביסלעך, צו ביס..
געוויינט מען זיך אויך, אַז צו קיינעם
דו טוסט מער נישט אויספעלן, ביז
מע דאַרף זיך שוין מער נישט געוויינען.

צו ביסלעך, צו ביסלעך פאַרשווינדט
אויך יעדער, וואָס טוט דיך דערמאַנען
און ליידיקער ווערט דער ווינט,
וואָס רירט זיך שוין מער נישט פון דאַנען.

ירושלים, 31 סטער אָקטאָבער, 1988.

## דער אַלטער דיכטער איז פאַרטאָן

דער אַלטער דיכטער איז פאַרטאָן אין שרײַבן
פּאָעמעס לאַנגע פאַר זײַנע נעכטיקע לייענער,
ער לאָזט זיך פון שורות פון ברייטע טרײַבן
צום גרויסן לייענזאַל, וווּ. סע זיצט נישט קיינער.

אין גרויסן לייענזאַל פונעם ליכטיקן גן — עדן
אויף טישן ליגן ביכער מיט גאָלד געדרוקטע נעמען
און שטיל איז דאָרט נישט נאָר, ווײַל מע טאָר דאָ
נישט ריידן,
נאָר ווײַל ריידן האָט דאָ נישט ווער צו ועמען.

אין גרויסן לייענזאַל זאַמלען צונויף זיך זקנים
מיט צוגעמאַכטע אויגן און מיט טויבע אויערן,
מע לייענט אין דמיון באַזונדער און אין איינעם
פון פולע ביכער — די פריידן און די טרויערן.

ירושלים, 27 סטער אָקטאָבער, 1988.

## בין אַרויס אין אַ קאַמף

פאַר משה שקליאַר

בין אַרויס אין אַ קאַמף
קעגן אַלטן ליד,
קעגן אלטן שטאַמפּ
לויטן אַלטן שניט,
קעגן אַלטן גראַם,
וואָס מע גלייבט אים שוין ניט,
דעם „יאַ טעבע דאַם“
פונעם אַלטן ליד.

כ׳האָב גערופן, געשאַלט,
נישט צו ווערן מיד
און צו בויען בגוואַלד
דאָס נײַע ליד.
כ׳האָב דערלעבט דעם צוויט
און דעם בלעטערפאַל,
ווען דאָס נײַע ליד
איז געוואָרן אַלט.

בין אַרויס אין אַ קאַמף
קעגן נײַעם ליד,
קעגן נײַעם שטאַמפּ,
קעגן נײַעם שניט,
פאַרן נעכטיקן ליד,
וואָס עלטערט זיך ניט.

שואל גוטמאַן / ניו־יאָרק

# ריינהאָלד נייבויר — פון די חסידי אומות העולם

## א.

די נאַכט פון 10 — 9טן נאָוועמבער, 1938, איז אַלעמען באַקאַנט ווי אַ ווענד — פּונקט אין דער געשיכטע פון די נאַצי — גרויל — טאַטן, און ווערט באַצייכנט ווי די "קריסטאַל — נאַכט". אין נאָוועמבער 1988 איז געוואָרן פופציק יאָר זייט די דייטשן און עסטרייכער האָבן. באַוויזן אַז זיי האָבן צוגעגרייט אַן אָרגאַניזירטן פּאָגראָם פאַר די דייטשע יידן.

אַרום 200 סינאַגאָגעס זיינען דעמאָלט פאַרברענט געוואָרן: 1500 יידישע געשעפטן זיינען צעראַבירט געוואָרן. יידן זיינען געשלאָגן און געפּייניקט געוואָרן. 91 יידן זיינען פון די פּייניקונגען אומגעקומען. אַלע פּוילישע יידן וואָס האָבן געלעבט אין דייטשלאַנד האָט מען דעפּאָרטירט, אָבער פּוילן האָט זיי נישט געוואָלט אריינלאָזן, און אויך מערב — אייראָפּע, און אַמעריקע האָבן נישט געעפנט פאַר זיי די טויערן. דאָס "וועלט — געוויסן" האָט געשוויגן. היינט ווייסן שוין אַלע וואָס ווילן וויסן דעם אמת, אַז דער רוב פון אַלע שיכטן אין דייטשן פאָלק — איינגעשלאָסן די קירכע: די קאַטוילישע און פּראָטעסטאַנטישע — האָבן אַפּלאָדירט די נאַצישע אכזריותן אזוי לאַנג ווי די דייטשע אַרמיי איז געווען זיגרייך.

איצט איז פּאַסיק צו דערמאָנען, און אָפּפרישן דעם גייסטיקן פּאָרטרעט פון אַן אויסנאַמלעכער פּערזענלעכקייט, פון אַן אַמעריקאַנער דענקער — טעאָלאָג, וואָס האָט אין יענער פינצטערער צייט — נאָך איידער עס זיינען באַקאַנט געוואָרן די שוידערלעכקייטן איבער די זעקס מיליאָן קדושים — נישט נאָר סימפּאַטיזירט מיט זייערע ליידן, נאָר ווי אַ קענער פון דער יידישער געשיכטע, און קולטור, פּאָרגעלייגט אַ לייזונג צו דער "יידן — פראַגע". מיר מיינען דאָ דעם חסיד אומות העולם **ריינהאָלד נייבויר**, וואָס איז געשטאָרבן דעם 1 טן יוני 1971, אין עלטער פון 78 יאָר.

נישט געקוקט אויף דעם וואָס יודאַיזם, און די יידישע קולטור — אין אַלע שפּראַכן — איז איצט אַ פּאָפּולערער ענין, מיט פּרעסטיזש, אין די אינטעלעקטועלע קרייזן פון דער גאַנצער מערב — וועלט, — איז נאָך אַלץ קליין די צאָל קריסטן וואָס זיינען באַהאַוונט אין יידישקייט; און נאָך קלענער איז די צאָל אמתע יידן־פריינד צווישן קריסטלעכע געלערנטע; דאָס הייסט, אַזעלכע וואָס דערוואַרטן נישט פון אונדז מיר זאָלן זיי באַלוינען פאַר זייער פריינדשאַפט מיט אָנערקענען די העכערקייט פון דער "אמתער" אמונה, דעם קריסטנטום.

דער פאַרשטאָרבענער פּראָטעסטאַנטישער דענקער — טעאָלאָג ריינהאָלד נייבויר, האָט זיך אָנגעזען מין זיין באַהאַוונטקייט אין דער יידישער קולטור, מיט זיין זעלטענעם טיפן פאַרשטיין די נויטן, — פיזישע און גייסטיקע — פון יידן, און מיט זיין אָנערקענען די רעכט פון יידישן פאָלק אויף אַ קאָלעקטיווער עקסיסטענץ, סיי אין מדינת ישראל, סיי אין די תפוצות. דאָס איז אַזאַ אומגעוויינלעכע דערשיינונג אין דער קריסטלעכער אינטעלעקטועלער וועלט, אַז ס'איז כדאי זיך באַקענען נעענטער מיט אָט דעם אויסנעמלעכן אַמעריקאַנער טעאָלאָג.

נייבויר איז נישט געשטאַנען "איבער דער שלאַכט"; ער האָט געפּריידיקט און געשטריטן אויפן מאַרקפּלאַץ. ער האָט זיך באַשעפטיקט מיט "אייביקע" פראַגן, און גלייכצייטיק איז ער געווען פאַרנומען ווי אַ פּראַגמאַטישער ליבעראַלער פּאָליטיקער מיט צייט — פּראָבלעמען. ער האָט אָפּגעוואָרפן דעם אַ מאָל שטאַרק פאַרשפּרייטן גלויבן אין

אַמעריקע, אַז דורך בילדונג, דורך טעכנישע אויפטוען וועט ממילא קומען מאָראַלישער פּראָגרעס. נייבויר, אַ פירנדיקער טוער, במשך אַ סך יאָרן, אין דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, און שפּעטער וויצע — פּאַרזיצער פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי, האָט נישט געהאַלטן אַז מענטשן וועלן ווען עס איז אײַנפירן אַן אידעאַלע געזעלשאַפט. ער איז געווען איבערצײַגט אַז מענטשן וועלן קיין מאָל נישט דערגרייכן קיין שלימות, און דערפאַר דאַרפן מיר זיך צופרידנשטעלן מיט האַלבע דערגרייכונגען, אַנשטאָט אַבסאָלוטע לייזונגען צו געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען. "די קונסט פון פּאָליטיק" — זאָגט ער — "באַשטייט אין דירעקטירן שׂכלדיק די אומשׂכלדיקייט פון מענטשן".

נייבויר האָט צו זיך געצויגן אויפמערקזאַמקייט אין דער אַמעריקאַנער עפנטלעכקייט נישט צוליב דער פילאָסאָפיע פון רעליגיעזן עקסיסטענציאַליזם וואָס ער האָט אויפגעבויט. דאָ האָט ער ווייניק מחדש געווען, ווײַל זײַנע הויפּט — אידעען שטאַמען פון דענישן דענקער קיערקעגאַרד. דער עיקר האָט ער געוווּנען אַזוי פיל פּאַרערערס צווישן וועלטלעכע ראַדיקאַלן און ייִדן אַ דאַנק זײַן מאָראַלישער ערלעכקייט און אינטעלעקטועלער שאַרפזיניקייט מיט וועלכע ער האָט אַנאַליזירט די צענטראַלע פּראָבלעמען פון אונדזער צײַט.

## ב.

ריינהאָלד נייבויר איז געבוירן געוואָרן אין רײַט — סיטי, מאָנטאַנאַ, ווו זײַן פאָטער איז געווען אַ גלח פון אַ לוטעראַנישער קירכע. אויך ריינהאָלד איז געוואָרן אַ גײַסטלעכער און ער האָט איבערגענומען אַ קירכע אין דעטראָיט, ווו ער האָט געלעבט 13 יאָר. דאָס איז די צײַט ווען אין אַמעריקע ברייטערט זיך אויס דער אינדוסטריאַליזם, און ווען הענרי פאָרד מיט זײַן סיסטעם, וואָס האָט נישט געלאָזט כאַפּן דעם אָטעם בײַ דער אַרבעט, ווערט דער מוסטער — קאַפּיטאַליסט פון אַמעריקע. פאָרדס אָפּזאָגן אַרבעטער אין פריען עלטער, ווען זיי האָבן לויט זײַן "האַרי — אָפּ" — סיסטעם נישט גענוג פּראָדוצירט, רופט אַרויס אַ שאַרפע קריטיק מצד נייבוירן. ער ווערט דאָ דער צענטער פון מחלוקת צוליב זײַן אונטערשטיצן די אַרבעטער אין קאַמף מיט די באַלעבאַטים. ווי אַ רעאַקציע צו דעם, וואָס ער האָט געזען אין דער אינדוסטריעלער דעטראָיט, ווערט נייבויר אַ סאָציאַליסט. ער איז אָבער קיין מאָל נישט געווען קיין מאַרקסיסט, און ער איז אַלע מאָל געבליבן אַ שאַרפער קעגנער פון קאָמוניזם.

אין יאָר 1928 ווערט נייבויר פּראָפעסאָר פון פילאָסאָפיע פון רעליגיע אין קאָלומביע — אוניווערסיטעט — יוניאָן טעאָלאָגישן סעמינאַר. דאָ, אין ניו — יאָרק, האָט ער געלעבט ביז ער האָט זיך צוריקגעצויגן אין אָנהייב פון די 60 ער יאָרן.

אין 1939 ווערט ער פאַרבעטן צו האַלטן אַ סעריע לעקציעס ("גיפאָרד — לעקציעס") אין עדינבורגער אוניווערסיטעט, ענגלאַנד. ווי אַ רעזולטאַט פון די לעקציעס זײַנען שפּעטער דערשינען די צוויי בענד: "דער כאַראַקטער און גורל פון מענטשן" (אין 1943). אָט דאָס ווערק האָט אים געשאַפן אַ גרויסן נאָמען אין דער אַמעריקאַנער אינטעלעקטועלער וועלט. ער האָט שפּעטער פאַרעפנטלעכט נאָך אַ סך ביכער. דערצו איז ער געווען אַ גלענצנדיקער רעדנער, וואָס האָט געקאָנט רעדן פּשוט וועגן קאָמפּליצירטע ענינים.

זײַן הויפּט — אינטערעס איז פאַרבליבן אין סאָציאַלע ענדערונגען, אין די רעכט פון אַרבעטסמענטש, און אין מינאָריטעטן.

## ג.

דער תּמצית פון נייבוירס פילאָסאָפיע, — אויב מע וויל זי איבערגעבן בקיצור — איז אַזאַ: דער מאַרקסיזם וואָס זאָגט אונדז צו אַ גן עדן אויף דער וועלט, אויב מיר וועלן גלויבן אין דעם ״נביא״ מאַרקס און זײַנע אַפּאָסטאָלן, איז אין דער אמתן אַ נאַיִווער, סענטימענטאַלער אָפּטימיזם. וואָרעם, דעם מענטשנס האַרץ איז שלעכט פון זײַן יוגנט אָן (כי יצר לב האדם רע מנעוריו; בראשית ח׳). רשעות אין מענטש און אין דער געזעלשאַפט איז טיף פאַרוואָרצלט און דויערנדיק. ווײַל מיר האָבן זיך אײַנגערעדט די אוטאָפּיסטישע אילוזיעס פון מאַרקסיזם, דערפאַר זײַנען מיר אַרײַנגעפאַלן אין אַזאַ פאַרצווייפלונג, ווען מיר האָבן דערזען די ברוטאַלקייטן פון נאַציזם און קאָמוניזם. אין דער אמתן, האַלט נייבויר, אין דער מענטש עגאָיִסטיש, און ער וועט קיין מאָל נישט דערגרייכן קיין שלימות. וואָלטן מיר דאָס פאַרשטאַנען, וואָלטן מיר געוווּסט אַז מ׳טאָר נישט איבערגעבן אַזוי פיל מאַכט צו פירערס. און ווײַל דער מענטש איז צו שוואַך זיך צו קענען אויפפירן לויט דעם אידעאַל פון גוטסקייט; און ווייל דער מענטש האָט צו פיל צוטרוי צו זײַנע כּוחות, און ווײַל ער איז צו אָפּטימיסטיש, איז ער פאַרמשפּט צו אַ טרויעריקן סוף. טיף אין האַרצן פון יעדן מענטש ליגט אַנגסט און אומזיכערקייט און די דאָזיקע אומזיכערקייט קען נישט באַזייטיקט ווערן דורך סאָציאַלע אָדער עקאָנאָמישע ענדערונגען. דעריבער דאַרף דער מענטש לעבן אין דער בעסטער געזעלשאַפט, וואָס ער איז בכּוח צו שאַפן, ווייל סײַ ווי קען עס נישט זײַן אַ גאָר גערעכטע וועלט; ס׳קען בלויז זײַן אַ ביסל אַ בעסערע וועלט.

יענע וואָס פּלאַנירן אוטאָפּיעס ווײַל זיי דערוואַרטן צו פיל פון זיך און פון אַנדערע, קענען ווערן די אומבאַוווּסטזיניקע אַרכיטעקטן פון אַ וועלט פון רשעות. דאָס זוכן טאָטאַלע לייזונגען צו דעם מענטשנס פּראָבלעמען מוז זיך ענדיקן מיט אַ דורכפאַל. דער מענטש מוז לייזן זײַנע פּראָבלעמען שטיקלעכווײַז. אַפילו אין דער בעסטער געזעלשאַפט וועלן מענטשן זיך מוזן אויסלערנען לעבן מיט טויט, דורכפאַלן, טראַגעדיעס.

פון דער אַנדערער זײַט, דאַרף מען געדענקען, אַז מענטשן קאָנען עפּעס אויפטאָן. און אויב מ׳קען נישט אײַנפירן קיין אידעאַלע געזעלשאַפט, מיינט עס נישט אַז מ׳דאַרף זײַן ציניש אָדער גלײַכגילטיק. אידעאַלן זײַנען נישט קיין צילן צו פאַרווירקלעכן; זיי זײַנען בלויז פּרינציפּן וואָס מ׳דאַרף משפּטן לויט די רעזולטאַטן. די אידעאַלע געזעלשאַפט וועט מען קיין מאָל נישט דערגרייכן, אָבער דאָס דאַרף אונדז נישט אָפּהאַלטן פון אַרבעטן פאַר אַ וועלט אין וועלכער ס׳זאָלן זײַן ווייניקער מלחמות, ווייניקער אונטערדריקונג און ווייניקער אָרעמקייט.

אויב דאָס איז דער צוגאַנג פון נייבוירן צו די גרונט — פּראָבלעמען פון אונדזער הײַנטיקער וועלט, דעמאָלט דאַרף מען זיך גאָרנישט וווּנדערן פאַר וואָס ער האָט געפונען אַזוי פיל אָנהענגערס אין אַלע געזעלשאַפטלעכע קרײַזן. מ׳דאַרף נישט אָננעמען זײַן טעאָלאָגיע, כּדי זיך צוצוהערן צו זײַנע וואָרענונגען קעגן פאַנאַטיזם. לאַנג פאַר אים האָבן ענלעכע געדאַנקען אַרויסגעזאָגט טאָמאַס האָבס, דייוויד יום וויליאַם דזשיימס, דזשאָן דיואי. אין אונדזער צײַט — אַ צײַט ווען די אינדוסטריעלע ציוויליזאַציע מיט איר מעכאַנישקייט, מיט אירע גרויליקע מלחמות, מיט איר פאַרוואַנדלען דעם מענטש אין די גרויסע שטעט אין אַ היימלאָזן אַנאָנים — אין אַזאַ צײַט האָט נייבויר, פּונקט ווי אַנדערע עקסיסטענציאַליסטישע דענקערס, ווידער באַטאָנט די עלנטקייט פון סענסיטיוון יחיד אין אַ זינלאָזער וועלט.

## ד

אַט די מיושבדיקע, נישט דאָגמאַטישע פילאָסאָפיע האָט נייבויר אַנטוויקלט בײַם סוף פון די 30 ער יאָרן, אונטערן רושם פון די שרעקלעכע ברוטאַלקייטן מצד דעם רוסישן קאָמוניזם און דײַטשישן נאַציזם. ער האָט זיך אָבער נישט באַנוגנט מיט רעווידירן בלויז זײַנע אָנשויונגען אין שײַכות צו אַלגעמײַנע סאָציאַלע און פּאָליטישע פּראָבלעמען. ער פאַרטיפט זיך דעמאָלט אין דער ספּעציפישער יידישער פּראָבלעמאַטיק און אין מיטן פון דער צווייטער וועלט מלחמה, פאַרעפנטלעכט ער אַ סעריע אַרטיקלען וועגן ״יידן נאָך דער מלחמה״ (אין דער ״ניישאָן״ 1942) ווו ער באַשולדיקט די קריסטלעכע וועלט אַז זי האָט נישט געגעבן קיין הילף צו יידן, ווײַל זי קען נישט באַגעגענען די פולע דימענסיעס פון דעם פּראָבלעם, און זי זאָל גלײַכצײַטיק נישט אונטערמינירן די ליבעראַלע אני — מאמינס אירע.

זײַן קוק אויפן יידישן פאָלק איז אַזאַ: די קריסטלעכע, ליבעראַלע וועלט וויל אָפּווישן די פּאַראָרטיילן צווישן יידן און גויים דורך פריידיקן טאָלעראַנץ און גוטן ווילן. די פרײַנד פון יידן ווילן איבערצײַגן זייערע פאַרלוימדערס אַז די באַשולדיקונגען קעגן יידן זײַנען פאַלש. אָבער דאָס — האַלט ער — דערגרייכט נישט דעם תּוך פון פּראָבלעם. די אמתע פראַגע איז: פאַר וואָס זאָלן די דאָזיקע ליגנס וועגן יידן ווערן פאַבריצירט, און פאַר וואָס זאָל מען זיי גלויבן? יעדע עטנישע גרופּע האָט דאָך אירע חסרונות און מעלות.

אַט די דאָזיקע אַמעריקאַנער טעאָריע פון ״טאָלעראַנץ״, האַלט נייבויר, איז באַזירט אויף אַ פאַלשן יסוד וואָס נעמט אָן אַז די מאַיאָריטעט-גרופּע וועט צעשטערן די מינאָריטעט-גרופּע דורך אַסימילאַציע. די דאָזיקע ״שמעלצטאָפּ״ אילוזיע, וואָס וויל אָפּווישן עטנישע באַזונדערקייטן אין אַמעריקע, איז פאַקטיש אַן אומבאַוווּסטזיניקער קולטור אימפּעריאַליזם. איז מילא די אירלענדער, די פּאָליאַקן, די פינלענדער, זיי האָבן זייער קולטור באַזע אין אירלאַנד, אין פּוילן, אין פינלאַנד; דריקט זיך זייער ווילן אויס, צו בלײַבן לעבן ווי אַ קאָלעקטיוו, אין זייערע טעריטאָריעלע היימלענדער. אָבער וואָס איז מכּוח יידן וואָס זײַנען צעשפּרייט אין אַ סך לענדער? (דאָס איז געוואָרן געשריבן פאַרן אויפקום פון מדינת ישראל). צי פאַרשטייט ניש די ליבעראַלע, נישט יידישע וועלט — כאָטש זי זאָגט עס נישט אַרויס בפירוש — אַז זי פאַרלאַנגט פאַקטיש פון יידן, פאַרן פּרײַז פון איר טאָלעראַנץ, זיי זאָלן אונטערגיין ווי אַ באַזונדער פאָלק?.

דאָ ציט נייבויר ווײַטער זײַן געדאַנקען-גאַנג אַז יידן זײַנען נישט בלויז אַ רעליגיעזע גרופּע, נאָר אַ נאַציאָנאַליטעט. ער ווענדט זיך צו די יידישע אַסימילאַטאָרן אַז זיי האָבן אַ רעכט צו ווערן ״שפּורלאָז פאַרשוווּנדן״. אָבער, טענהט ער אײַן מיט זיי, זיי טוען דערמיט נישט קיין טובה נישט דער וועלט, און נישט זייער אייגן פאָלק. ווײַל אויפהאַלטן אַ קולטור-פּלוראַליסטישע אַמעריקע איז נויטיק נישט בלויז פון שטאַנדפּונקט פון גערעכטיקייט פאַר יידן, אויך פון שטאַנדפּונקט פון דער קוואַליטעט פון אונדזער אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע. אַ פּשוטער אויסמיש, אַ ״שמעלצטאָפּ״, וועט זיך ענדיקן מיט אַ שבטימדיקער פּרימיטיווקייט, מיט אַ טאָטאַליטאַרער גלײַכשאַלטונג.

אַוודאי האָבן יידן אַ רעכט — לויט נייבוירן — זיך צו אַסימילירן. אָבער — שטרײַכט ער אונטער דעם צווייטן אַספּעקט — יידן האָבן אַ רעכט צו בלײַבן לעבן ווי אַ פאָלק. ראשית, דערפאַר, וואָס יידן האָבן במשך צוויי טויזנט יאָר אַרויסגעוויזן זייער ווילן צו בלײַבן לעבן ווי אַ קאָלעקטיוו. אַ סימן — זיי זײַנען געבליבן לעבן. צווייטנס, ווײַזן יידן אַרויס אַ קיום — דראַנג אויך אין דער מאָדערנער תּקופה, וואָרעם דער הײַנטיקער נאַציאָנאַליזם בײַ אַלע פעלקער דעמאָנסטרירט אַז נאַציאָנאַלע באַזונדערקייט און קיום אימפּולסן זײַנען אַ סך שטאַרקער ווי דער ליבעראַליזם מיינט. דער אויפקום פון ציוניזם איז אַן אויסדרוק פון יידישן קיום דראַנג, ווײַל יידן ווייסן אַז דער פאַנאַטיזם פון

מערהייט־פאָלק לגבי דעם מינדערהייט־פאָלק איז אַ שטענדיקע דערשײַנונג, און זיי ווילן האָבן אַ פּלאַץ אין דער וועלט, ווו זיי ווערן נישט "טאָלערירט", פאַרשטאַנען" אָדער מיספאַרשטאַנען; נאָר ווו זיי קענען זײַן וואָס זיי זײַנען, און ווו זיי קענען פרעזערווירן זייער אייגנאַרטיקע אידענטיטעט אָן טובות.

פון דאַנען גייט שוין אַ דירעקטע ליניע צו נייבוירס אויספיר: דער ייִדישער קאָלעקטיווער קיום — דראַנג איז פונקס אַזאַ לעגיטים רעכט ווי דער דראַנג פון ייִדישן יחיד צו אַן אינדיווידועל לעבן. גערעכטיקייט מוז זיך דעריבער באַשעפטיקן מיט ביידע אַספּעקטן פון ייִדישן פּראָבלעם: ערשטנס, אויפהיטן, אויסברייטערן דעם קולטור — פּלוראַליזם אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער, וואָס וועט געבן ייִדן לעבנסרוים צווישן די פעלקער פון דער וועלט. און, צווייטנס, שטיצן ברייט די ייִדישע אַספּיראַציעס פאַר ארץ ישראל, ווו ייִדן וועלן נישט נאָר ווערן טאָלערירט, נאָר וועלן זײַן די באַלעבאַטים. ווײַל דער פּאָליטיקער טעאָלאָג ווייסט אַז יענע וואָס רעדן זיך אײַן אַז די געשיכטע גייט אין דער ריכטונג פון אַן אוניווערסאַלער קולטור, וואָס וועט אָפּווישן אַלע נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייטן, לעבן אין אַ "גן — עדן פון נאַראָנים"; די דאָזיקע אײַנרעדעניש איז אָפּגעפרעגט געוואָרן פון געשיכטלעכע פאַקטן און פון מאָדערנעם נאַציאָנאַליזם בײַ אַלע פעלקער. נייבויר באַדויערט נישט די דאָזיקע קולטור פּלוראַליסטישע טענדענצן אין אונדזער צײַט, ווײַל ער, פונקט ווי האָראַס קאַלען און לואיס בראַנדייס, האַלט אַז דורך פאַרשידנאַרטיקייט, נישט דורך פאַרשמעלצונג, וועט מען דערגרייכן צו אַ העכער ציוויליזאַציע. און דאָס, דאַרף מען געדענקען, האָט ער געשריבן איידער ס'איז אויפגעקומען די עטנישע באַוועגונג אין די 60־ער יאָרן אין אַמעריקע.

דוכט זיך אַז ס'איז נישט פון די אָפּטע דערשײַנונגען צו הערן אַזעלכע ייִדיש — נאַציאָנאַלע געדאַנקען מצד קריסטלעכע געלערנטע; און וואָלט נייבויר זיך בלויז אײַנגעשטעלט פאַר די פריער רעזומירטע אידעען לגבי דעם ייִדישן פאָלק, וואָלט עס געווען גענוג אים צו פאַרשרײַבן אין רעגיסטער פון די חסידי אומות העולם. אָבער, מען מוז אויך פרעגן: וואָס טראַכט דער פּראָטעסטאַנטישער ייִדן־פרײַנד וועגן אַן "עיקר — פראַגע" אין דער קריסטלעכער טעאָלאָגיע: וועגן דער ייִדישער אמונה? אָט ווייסן מיר פון אַן אַנדער קריסטלעכן ייִדן — פרײַנד, דעם פראַנצויזיש — קאַטוילישן דענקער זשאַק מאַריטען, וואָס האָט פאַרדאַמט דעם אַנטיסעמיטיזם, און פון דעסטוועגן איז ער געבליבן בײַ דעם אַלטן קאַטוילישן שטאַנדפּונקט, אַז דאָס ייִדישע פאָלק דאַרף ווײַטער לײַדן צוליב דעם טויט פון נוצרי, אַזוי לאַנג ווי עס וועט נישט אָננעמען די קריסטלעכע אמונה. צי טראַכט נישט אויך אַזוי דער אַמעריקאַנער פּראָטעסטאַנטישער טעאָלאָג נייבויר? דאָס איז דאָך דער אמתער פּרוווּשטיין אין שײַכות צו ייִדן און ייִדישקייט. ווּאָרעם אויב איר גלויבט אַז די ייִדישע אמונה איז נידעריקער ווי די קריסטלעכע, און ייִדן זײַנען פאַרעקשנטע נישט אָנערקענערס פון "אמתן משיח" — אויב איר האַלט אַזוי ווי מאַריטען, גיט איר דאָך פּאַקטיש אַ טעאָלאָגישע באַרעכטיקונג פאַרן אַנטיסעמיטיזם.

אין אַן עסיי וואָס נייבויר האָט פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1958 (אין בוך: "די פּרומע און די סעקולערע אַמעריקע") — פאַר דער עקומענישער באַוועגונג — הערן מיר גאָר עפּעס אַנדערש ווי מיר זײַנען געוווינט צו הערן פון קריסטלעכע טעאָלאָגן: קריסטן דאַרפן אויפהערן צו וועלן אָפּשמדן ייִדן, באַטאָנט ער.

די קריסטלעכע מערהייט אין אַמעריקע — דערקלערט ער — דאַרף אַקצעפּטירן דעם פאַקט אַז ייִדן זײַנען אַן אייגנאַרטיק פאָלק, און זיי האָבן אַ רעכט זיך צו האַלטן בײַ זייער רעליגיע און קולטור, וואָרעם יהדות איז נישט קיין נידעריקערע רעליגיע ווי דאָס

קריסטנטום, נאָר אַ ספּעציפישע אמונה וואָס שפּיגלט אָפּ דעם יידס היסטאָרישע דערפאַרונג. דער נביאיש — ייִדישער גערעכטיקייט — אידעאַל — האַלט ער — האָט מער שייכות צו די היינטיקע סאָציאַלע פּראָבלעמען ווי דער קריסטלעכער אידעאַל פון ליבע, וואָס איז אַבסטראַקט און נישט פאַרפליכטנדיק אין טאָגטעגלעכן לעבן.

ער אַטאַקירט שאַרף טאָינבין פאַר זיין מיסאינטערפּרעטירן די ייִדישע קולטור, צוליב זיינע קריסטלעכע פאָראורטיילן. נאָכן אָנווייזן אויף די אונטערשיידן צווישן ייִדנטום און קריסטנטום קומט ער צום אויספיר אַז ס'איז פאַלש צו ווען אָפּשמדן ייִדן, ווייל דער ייִד וואָס זוכט גאָט וועט אים גיכער געפינען אין טערמינען פון זיין רעליגיעזער ירושה, איידער אין קריסטנטום, וואָס איז פאַר אים דער סימבאָל פון אַן אונטערדריקערישער קולטור.

אַפילו בנוגע דעם "אייביקן" פאָרוורף וואָס קריסטלעכע טעאָלאָגן מאַכן דעם ייִדנטום — דעם כּלומרשטן ווידערשפּרוך צווישן ייִדישן פּאַרטיקולאַריזם, נאַציאָנאַליזם, אתּה בחרתּנו פון איין זייט, און ייִדישן אוניווערסאַליזם, פון דער אַנדערער זייט; אַפילו בנוגע דעם ענין, ווייזט נייבויר אַרויס אַן אינעווייניקסטע סענסיטיווקייט און פאַרשטענדעניש. די שפּאַנונג פון אַן אוניווערסאַלער רעליגיע וואָס שטייט אויפן היסטאָרישן יסוד פון אַ באַזונדער פאָלק, אויך אין דעם זעט ער נישט קיין אויסטערלישקייט. אויך קריסטלעכע פעלקער — טענהט ער — נוצן זייער רעליגיע צו פאַרשטאַרקן דאָס נאַציאָנאַלע געפיל, אַזוי איז עס ביי די אירלענדער, ביי די באַלקאַנישע פעלקער, און אַפילו ביי אונדז אין אַמעריקע, ווו פּראָטעסטאַנטן האַלטן זיך פאַר מיוחסים. ס'איז דעריבער אַן אינטערנאַציאָנאַלער פּראָבלעם — דאָס צוזאַמענמישן נאַציאָנאַליזם און אוניווערסאַליזם.

ייִדן — פאַרענדיקט ער זיין עלאָקווענטע עסיי — זיינען אַן אויסערגעוויינלעכער ווונדער אין דער וועלט — געשיכטע, זיי האָבן געגעבן אַן אייגנאַרטיקן צושטייער צו דער מערב — ציוויליזאַציע. "מיר טאָרן נישט פאַרלאַנגען אַז דער אומגעוויינלעכער היסטאָרישער נס זאָל זיך אַריינפּאַסן אין וועלכער ס'איז לאָגיק, אָדער זאָל זיך צופּאַסן צו אַ היסטאָרישער אַנאַלאָגיע. עס האָט נישט קיין פאַרגלייך. מען דאַרף עס אָנערקענען און אַקצעפּטירן אַזוי ווי עס איז".

מעגן די אַלע געדאַנקען איצט אונדז קלינגען ווי טרואיזמען, טאָרן מיר אָבער נישט פאַרגעסן אַז די סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע וועלט — באַפרייערס, פון קאַרל מאַרקסן דורך קאַוטסקין, לענינען, פּלעכאַנאָוון, אַז דאָס צעשפּרייטע ייִדישע וועלטפאָלק פּאַסט זיך נישט אַריין, לויט זייערע דעפיניציעס, אין דער קאַטעגאָריע נאַציע, און דעריבער דאַרפן מיר, לויטן מאַרקסיסטישן שולחן — ערוך, פאַרשווינדן; די סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע טעאָרעטיקערס האָבן געהאַט איין קריטעריע: דאָס גוייִשע סדום — בעטל פאַר נאַציע: אַן איין שפּראַכיק פאָלק, וואָס איז קאָנצענטרירט אויף איין טעריטאָריע. איז, אויב מיר ייִדן פּאַסן זיך נישט אַריין אין דער קאַטעגאָריע דאַרף מען אונדז, מיט גוטן אָדער בייזן אַסימילירן. דער אַמעריקאַנער דענקער נייבויר מיט זיין טיפן אַריינבליק אין אונדזער ייִדישער קולטור האָט געוווּסט אַז מיר זיינען אַן עם לבדד ישכון, אַז מיר זיינען אַ פאָלק — אויב נישט העכער — הגם מיר זיינען אין אַ ריי אייגנשאַפטן אַן אוניקום. ער האָט אונדזער אַנדערשקייט נישט באַצייכנט ווי שאָוויניזם, אָדער אומנאָרמאַלקייט. אפשר וועלן, אַ דאַנק אָט דעם נישט ייִדישן דענקער, אַסימילירטע ייִדן דערזען דעם באַטייט און אימפּאָזאַנטקייט פון אונדזער קיום.

**שלום שטערן / מאָנטרעאל**

# לידער

## אין הייליקן אָנדענק פון סאָניען

## אַ בריוו

סאָניע היקרה:
האָסט זיך איינגעהיימישט
אין מאָנטרעאל — די עיר הבירה.
גערענק דאָס ווייסע סאַנאַטאָריע
—הויז
און די גלוסט פון דער ליבע
אין ברויז.

לאַנג די בענקענדיקע וואָך.

האָסט מיך איבערגעלאָזן
איין—אַליין
צווישן די הויכע, העל—גרינע גראָזן,
וווּ די זון קרישלט דאָס מאָך
פון צעשפּאָלטענעם שטיין.

אין דיינע טרוימעריִשע רייד
איך געפין נישט קיין טרייסט.
מיר זיינען דערווידער
די פאַררויכערטע הייכן.
נישט אין שטאָט
ווען מיר די שיין
פון גליק דערגרייכן.

די ליבע באַגערט
די שלוה פון דער
דאָרפישער ערד.

די זון זינגט
פון בענקשאַפט דאָס געזאַנג.
די שטילקייט וועקט פון קלויסטער
—גלאָק
דאָס אומעטיקע געקלאַנג.

אין דער טאָליקער נידער
די פערל פון טוי
בענקען נאָך די גלוסטיקע גלידער
פון מיין באַגערטער פרוי.

אין גלי, דאָס זאַנגען—פעלד
פון גאָלד.

אין בלי פון דער ליבע
האָב איך דיך
תמיד געוואָלט.

דאָס וואַסערל קלאַפּט
צווישן געשטיין.
גלוסטיק איז דיין
שיין, שלאַנק געביין.

אונדזער ליבע איז אַ נס —
דאָס בלוי אויפן טוי
פון דופטיקן בעז.

מיט דער שיין פון פרייד
קער זיך צוריק,
און פאַרזייט זאָל ווידער ווערן
פון דער ליבע דאָס גליק.

ביסט פאַר מיר אַלץ,
צייכנס פון קושן
פאַרגליט אויפן בלענד
פון דיין ווייסן האַלדז.

קער זיך אום
אין טאָל, צו דער גרינער שטום.
וועט ווידער געשען דער נס
פון אַ מאָל:
אויפן בעז, אין שיין פון בלוי,
די ליבע — אַ טרער
אויפן זילבער פון טוי.

אין טרוים פון האָפן
האָבן מיר זיך געטראָפן.

קער זיך אום
אין טאָל, צו דער גרינער שטום,
וועט ווידער אַלץ געשען,
ווי עס איז תמיד
צווישן אונדז געווען.

## בענקשאַפט

עס פרילינגט.
די זון — אַ גאָלדענער שפּיגל.
ביימער דופטיקע אין בליען.
צעבראָכן זיינען פון טרוים.
די פליגל.
איך קאָן צו דיר נישט פליען.

פייער—קוילן פון בענקשאפט
די פיינען.
ווּ האָסטו זיך פאַרהוילן?
אין שוואַרצו שיין
פון מיינע אויגן
טרערן שיינען:
הלואי וואָלט איך
דיך נישט דערקענט.
אין גלי פון פיין
וואָלט דער טאָג
נישט געוואָרן פאַרברענט.

פרילינג. די זון — אַ גאָלדענער ציגל.
ביימער דופטיקן אין בליען.
צעבראָכן זיינען פון טרוים
די פליגל.
איך קאָן צו דיר
נישט פליען.

---

**מ. אָליצקי** / ניו—יאָרק

## שניי

פון קיין פוס נישט אָנגעטראָטן,
פון אַ סילועט קיין שאָטן.
איצט געפאַלן איז דער שניי —
פאַר די הייזער אַ דערפריי,
פאַר די הייזער אַ געשאַנק,
וואָס זיי גרויען יאָרן—לאַנג
העל און זויבער, אַזש פון אויבן
שמייכלען אויף אין ליכט די שויבן,
און די האַנט פון אַ פּאָעט
גלעט די ליכטיקייט און געלט.

## נישט פון שרעק

נישט פון שרעק
פאַר אויגן אָנגעלאָפענע
מיט רויט
האָט דער מאַן אין קאַר
אָפּגעשטעלט זיין האַנט
וואָס אויפן רעדל.
נישט פון שרעק
האָט די ליידי צוגעמאַכט דעם ראַדיאָ.
ווייל געקומען איז ער
שטיל
און ווייס
און פלוצעם —
האָבן אויפגעהערט די רייד,
האָט איינגעשטילט
דער ליאַרעם פון די רעדער.
אויך די הייזער
האָבן אויסגעשטעלט זיך
אין צוויי לאַנגע רייען
זען ווי עס פאַלט,
און פאַלט
אַ שניי.

שמואל איזבאַן / ניו־יאָרק

# אַ פרייטאָג צו נאַכט אויף אַ פּליטים — שיף

## (בלעטלעך זכרונות)

קיינער פון די פּאַסאַזשירן אויף דער פּליטים — שיף האָט נישט געוווּסט די פּאָזיציע פון דער שיף אויפן ים, אָבער נייגעריקע זיינען געווען אַ סך. אַלצוויסערס האָבן געזאָגט, אַז מען געפינט זיך אַרום די גריכישע אינזלען. דערפאַרענע ים — פאָרערם האָבן געטענהט, אַז מען איז נאָך נישט אַרויס פון איטאַליעס טעריטאָריעלע וואַסערן. אויף אַלע פראַגן וועגן דעם קורס פון דער שיף און וועגן אַ נאָענטער לאַנדונג האָבן די מאַטראָזן געשוויגן.

איבערן דעק האָט זיך פאַרבייגעטראָגן דער אירלענדישער מאַטראָז מיגול מעקדאָנאַלד אָדער מעק, אין אַ פּאָר בלויע הויזן מיט סאַנדאַלן, דער אויבערשטער טייל קערפּער — נאַקעט.

מעק איז שטאַק ווי שמשון און רויט ווי אדום. מעק איז דער פּאָפּולערסטער מאַטראָז צווישן די פּאַסאַזשירן. ער לאַכט ווען ער דאַרף זיין ערנסט. ער שמייכלט ווען ער דאַרף זיין שטרענג. פון אים — איז מען זיכער — וועט מען קענען אַרויסקריגן, אויב נישט פולע אינפאָרמאַציע, איז כאָטש אַן אָנדייט, אָן אנצוהערעניש.

אַ שוואַרץ — האָריקער בחור פון קיבוץ "איחוד" האָט זיך געמאַכט האַרץ און אים אָפּגעשטעלט:

— זאָג אונדז מאַטראָז, ווו געפינען מיר זיך ערגעץ אויף גאָטס וועלט?

— כ'וויס נישט — שמייכלט דער רויטער מאַטראָז.

— ווילסט מיר זאָגן, אַז מען באַהאַלט פון דיר אויס די ריכטונג פון דער שיף?

— מען באַהאַלט אויס!

— דו שפּאַסט! יעדער מאַטראָז קען לייענען די מאַפּע, יעדער ים — מענטש פאַרשטייט זיך אויף פּלענער.

— ריכטיק. אָבער ס'איז אין די אינטערעסן פון אונדזער אַרבעט צו קענען ווייניק און צו פאַרשטיין נאָך ווינציקער.

— ערן וואָרט ווי ער איז גערעכט מיט זיינע ענטפערס! צעשרייט זיך אַ פעסטער טשעכישער ייד, אָנגעטאָן שווער ווי אַ באַרג — קלעטערער — וואָס גייט אייך אַזוי אין לעבן צו וויסן די פּאָזיציע פון דער שיף? וואָס גייט אייך אַזוי אין לעבן אַרונטערצוקוקן אונטער יענעמס טעפּל?.

אַ צווייטער ייד אונטערשטיצט דעם פאָרוואָרף.

— אַזוי איז דאָס! ווייניקער געפרעגט און ווייניקער געוווּסט, וועט זיין מער מזל ביים לאַנדן!.

— אָ, ווען מען זאָל זיכער זיין, אַז ס'וועט געלינגען צו לאַנדן! — האָט אַן עלטערער ייד אויפגעהויבן ביידע הענט, ווי צו אַ געבעט.

— אונדזער שיף וועט לאַנדן! — האָט דער אירלענדישער מאַטראָז פאַרזיכערט דעם רעדל.

— און די ענגלישע בלאָקאַדע?

— ס'וועט נישט זיין קיין בלאָקאַדע!

— ס'וועט נישט זיין?

צווי ווייבער, ביז איצט שטומע צוהערערינס צום שמועס, האָבן אָנגעטאָן האָניק — שמייכלען אויף זייערע ליפּן און געזאָגט:

— מיר מאַכן זיך נישט קיין אילוזיעס. מיר ווייסן, אַז מען וועט גיין קיין ציפּערן. און מען איז גרייט אויף דעם.

— הייסט עס, מען קען נישט אויסמיידן גלות ציפּערן? — האָט איינער געפרעגט.

— מען קען נישט! ס'איז די זיבעטע גיהנום — אָפּטיילונג, איידער מען גייט אַריין קיין ארץ ישראל!

ס'איז שוין געווען נאָכמיטאָג, אַ פּאָר שעה פאַר ליכט — צינדן און אין ווינקל פון די אגודה — יידן, פון די מזרחי־יידן האָט זיך גערודערט. די פאַרלעגנהייט איז געווען גרויס. די מצוה פון הדלקת הנרות איז אומבאַדינגט. אָבער ווי אַזוי פירט מען עס דורך?

אונטן, צווישן די גזשענדעס האַלץ, צווישן די ברעטער — געלעגערס טאָר מען קיין פייער נישט אָנצינדן. קיין איבעריקער אינטש פּלאַץ איז נישטאָ. דער ווונדער איז גענוג גרויס, אַז פון אַ קליינער לאַסט — שיף איז איבערנאַכט געוואָרן אַ פּאַסאַזשיר — שיף וואָס שלעפּט אַריבער פופצן הונדערט פּאַסאַזשירן. און זי שלעפּט עקשנותדיק. אויף לעגאַלע שיפן זיינען פאַראַן רויכער — צימערן, זאַלן, קאָרטן — שטובן, אַ קינאָ, אַפילו אַ שיל מיט אַ ספר תורה איז פאַראַן. און דאָ, אויף דעם שווימענדיקן געצעלט פון ישראל?

אָבער אָפּהענטיק טאָר מען נישט ווערן. אין געציילטע מינוטן איז צוניפגעשטעלט געוואָרן אַ דעלעגאַציע. צוויי פון מזרחי, צוויי פון דער אגודה. מען איז געגאַנגען אויסבעטן ביים קאַפּיטאַן אַ ווינקל, ווו די יידישע פרויען זאָלן קענען בענטשן ליכט.

דער קאַפּיטאַן האָט זיך דערשראָקן. די מורא פאַר אַ שרפה איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט גערופן אויף אַ באַראַטונג דעם שעף — אינזשעניער, וואָס איז דער ממונה איבער פייער, ליכט און וואַסער. עס האָבן זיך אַריינגעמישט די הגנה — באַגלייטער. עס איז אָנגעקומען דער ציי‌טונגס — מענטש, דער רעגיסטראַטאָר פון אַלע פּאַסירונגען אין פאַרלויף פון יעדער שעה אין מעת לעת.

דער צוניפרייד איז געווען אַ קורצער. דער באַשלוס — גינסטיק. עס איז געגעבן געוואָרן די דערלויבעניש צו בענטשן ליכט מיט דעם באַדינג, אַז די מינדסטע געפאַר פון אַ שרפה — אויסברוך זאָל אויסגעמיטן ווערן.

צום דינסט איז געשטעלט געוואָרן דאָס עס — צימער פון דער מאַנשאַפט. יעדע פרוי, וואָס האָט געוואָלט אָנצינדן ליכט, האָט געדאַרפט אָנשנויצן אַ האַלבע ליכט. עס זיינען אויסגעשטעלט געוואָרן איבער די לאַנגע טישן בלעכענע פּרוכט — קענדלעך, אָנשטאָט די לייכטער, וואָס האָבן געפעלט. די געקאָוועטע טירן זיינען פאַרהאַמערט געוואָרן. צוויי פריי‌ווילי‌קע וועכטער האָבן זיך געשטעלט פון ביידע עקן טיש אכטונג צו געבן דער ווינט זאָל נישט צעבלאָזן די ליכט און נישט אַריבערשלעפּן דאָס פייער אויף די הילצערנע ווענט.

איינציקווייז האָבן די יידישע פרויען זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צום עס — צימער, כדי מקבל צו זיין דעם שבת. די פרויען זיינען געקומען אין וואָכעדיקע קופקעס, אין שטערנטיכלעך, אין זיידענע הייבלעך. זיי זיינען געקומען אין שבתדיקע קליידער, אין געבלימלטע שאַלן. זיי האָבן איינע נאָך דער אַנדערער אָנגעצונדן די ליכט, פאָרטיק פאַרלייגט די הענט איבער די אויגן און מיט יראה האָבן געגומען מורמלען זייערע ליפּן.

און ווען די שטיקלעך ליכט האָבן זיך צעפלעמלט, האָבן זיי נישט געברענט ווי קאָפּטשנדיקע קינדלעך, נאָר געפלאַקערט ווי מנורות, ווי פאַקל — פייערן וואָס פירן אַריין דעם שבת קודש אין דער אינגעווייד פון דער שיף.

אַ פערטל שעה שפּעטער האָבן זיך אויפן אויבערשטן דעק פאַרזאַמלט אַ פּאָר הונדערט יידן כדי מקבל צו זיין שבת מיט דאַוונען מעריב. עס זיינען געקומען פרומע און פריידענקער, שטאַרק אָפּגעהיטע און האַלבע אפּיקורסים. מען האָט געשטראָמט איבער

אַלע טרעפּ—לייטערס. עס איז געווען אַ גרויסער באַגער צו דעמאָנסטרירן דעם איבערגאַנג פון די וואָכעדיקע זעקס טעג צום אויסדערוויילטן שבת. די מעלאָדישע קולות פון לכו נרננה זיינען אַקאָמפּאַנירט געוואָרן פון די פּלעסקענדיקע ים—כוואַליעס.

נאָכן דאַווענען איז דער בעל תפילה אַרויפגעגאַנגען אויפן קאַפּיטאַנס בריק און געדאַנקט דעם טאַטן פון דער שיף.

— יישר כוח, קאַפּיטאַן, ווייסט איר וואָס עס הייסט פאַר יידישע פרויען צו בענטשן ליכט אויפן וועג קיין ארץ ישראל.

— כ׳ווייס.

— קעגן אַזאַ קבלת שבת קען קיין בייזער כוח נישט ביישטיין, קאַפּיטאַן, די מצוה איז גרויס!

— די מצוה איז גרויס, אָבער די שיף איז איינגעשטעלט!

— אין דעם זכות וועט מען אויסמיידן די ענגלענדער, קאַפּיטאַן!

— מען וועט!

די פייערלעכקייט פון פרייטיק—צו—נאַכטס האָט זיך נישט געענדיקט נאָכן דאַווענען. יעדער קיבוץ, יעדע גרופּע האָט זיך געטראָגן צו אַן אנדער ווינקל פון שיף צו זוכן אַטראַקציע, צו געפינען פאַרווײַלונג.

אויף דער פּראָמענאַדע האָט זיך געזאַמלט דאָס רירעוודיקע יונגוואַרג פון השומר הצעיר. עס איז פונקט אַזוי אויסגעפאַלן, אַז דער דאָזיקער פרייטיק האָט פאַרצייכנט דעם צווייטן יאָרטאָג נאָכן סוף פון דער מלחמה, וואָס האָט פאַרטיליקט מיליאָנען טהורים וקדושים. מען האָט זיך געגרייט צו פייערן דעם יאָרטאָג נאָך דעם זיג אויפן אָפענעם דעק פון דער פּליטים—שיף.

אַ ריזיקער מענטשן—ראָד געפלאָכטן דרייפאַכיק, פירפאַכיק, זעקספאַכיק, האָט זיך אויסגעזעצט אַרום די באַריערס. איבער ביידע טרעפּ—זייטן האָבן געלויכטן רעפלעקטאָרן. איבער די קעפּ — אַ הימל מיט שטערן. און אין מיטן ראָד איז געשטאַנען אַן אויסגעצערטער מעפּיל און אויפגעוויקלט פאַר די צוהערער די דערמאָנונגען פון די יאָרן פון אומשלאַג—פּלעצער, יאָרן פון קאַלך—אויוונס, יאָרן פון סיסטעמאַטישער פאַרטיליקונג פון יידישן פאָלק.

דער אויסגעצערטער מעפּיל האָט געגומען רעגיסטרירן. ער האָט גענומען אַ שוידערלעכן אינווענטאַר. ער האָט געוויגן און געמאָסטן די גרויס פון חורבן. ווי מוראדיק אומגלייך איז די איינטיילונג! הונדערטער אויף מעפּילים—שיפן — צו באַפרייאונג און דאָס אש פון מיליאָנען צעזייט איבער פּוסטע פעלדער און וועלדער!

זיין אזכרה איז געווען דער בלוטלאָזער ציגז וואָס עס האָבן געצאָלט די איבערגעבליבענע צו די אומגעקומענע. דאָס איז געווען דער קדיש פון די מעפּילים אויף די צעשפּרייטע בית עלמינס אין אייראָפּע.

עס האָבן געשפּילט פידלען און עס האָבן געבראָמט גיטאַרעס. אין זייערע קלאַנגען זיינען געווען די טענער פון די אבלי—ציון. אין דער טרויעריקער מוזיק איז געווען די אָנקלאַגע און די וואָרענונג, אַז עס וועט נישט פאַרגעסן ווערן און עס וועט נישט פאַרגעבן ווערן דאָס, וואָס עס איז געטאָן געוואָרן צו דער יידישער אומה.

מיידלעך האָבן מיט מעלאַנכאָלישע קולות דעקלאַמירט לידער. דאָס זיינען געווען פערזן אומעטיקע, מרה—שחורהדיקע. אין די פערזן האָט געפעלט די עלעמענטאַרסטע קראַפט פון שירה. קיין איינס פון די אויסגעשריגענע לידער האָט זיך נישט דערהויבן צו קיין פּאָעטישן ניוואָ, אָבער אַ סקרוך איז דורך איבערן לייב, ווען דיינע אויערן האָבן איינגעזאַפּט די טראַגישע זילבן.

„ס'איז שטיל אין איירָאָפּע" — האָט זיך געזאָגט אין אַ ליד אין פּויליש, רעציטירט פון אַ יונגער מעפּילה. ס'איז שטיל אין איירָאָפּע — האָט זיך איבערגעחזרט דער אומעטיקער רעפריין אויף די ליפּן פון דער בלאַסער דערקלאַמאַטאָרין, וואָס האָט אין יענעם אויפדערנאַכט אויסגעזען ווי די קליינע ביבלישע רחל, די ווײנעדיקע מאַמע... ס'איז שטיל אין איירָאָפּע... נישטאָ מער קיין יידן. נישטא קיין מאַרק — הענדלער, קיין בייגל פאַרקויפער, קיין הערינג קרעמער... נישטא קיין וואַיאַזשאָרן, קיין פאַבריקאַנטן, קיין סטודענטן, קיין בני תורה... ס'איז שטיל אין איירָאָפּע. אוי, ווי מוראדיק שטיל!

אין אַן אנדער ווינקל פון דער שיף האָט דער לאַגער פון די רעוויזיאָניסטן זיך פאַרזאַמלט צו דערמאָנען די פייערונג פונעם נאַר וואָס פאַרגאַנגענעם ל"ג בעומר. אַ טייל רעוויזיאָניסטן האָבן אָנגעטאָן די אוניפאָרמען פון בית"ר. די אָרגאַניזאַטאָרן האָבן געוואָלט אַריינברענגען קאָליר אין דער פייערונג און דערמאָנט געשיכטלעכע העלדן. בר כוכבא, רבי עקיבא, דער אויפשטאנד קעגן די רוימער.

אַ רעדנער האָט זיך אויפגעשטעלט. זיין רעדע איז געווען מיליטאַנטיש קעגן דעם ענגלישן אָקופּאַנט. זי איז אָבער — צו אַלעמענס איבערראַשונג — געווען מילד צו דער יידישער מחנה. קיין איין וואָרט פון טאַדלונג לגבי די קעגנערישע לאַגערן. דער רעדנער האָט גערופן צו אחדות אין דער גרויסער נויט — שעה קעגן דעם פרעמדן שונא, דערמאָנט, אַז ברודער — מלחמות האָבן געבראַכט צו איין חורבן, צו אַ צווייטן חורבן. און דעם דריטן חורבן וויל דאָך בלויז דער שונא.

די מורא פאַרן חורבן האָט געבוירן אַ טיפע שטילקייט. די שטילקייט האָט אָנגעשטעקט די הונדערטער צוהערער. עס האָט אָנגעשטעקט די שטענדיק לוסטיקע מאַנשאַפט, וואָס איז געווען אַריינגעפּלאָנטן צווישן די צוהערער. די שטילקייט האָט אנגעשטעקט דעם ים, וואָס איז געווען פלאַכער, פאַרשלונגען די אייגענע כוואַליעס און זיך געוויגט רואיק, ווי א טייך.

## אַ הגנה — שיף שווימט קיין ארץ ישראל אין אַ פאַרקערטער ריכטונג

ס'איז שוין געווען דער דריטער טאָג, ווי אונדזער פּליטים — שף איז געשוווּמען לענגאויס די ברעגן פון טערקיי און קיין פאַרדעכטיקטע זאַך האָט זיך נישט אָנגעזען אויף די וואַסערן. קיין אויסשפּיר — עראָפּלאַנען זיינען נישט אַנטקעגנגעקומען. די אָפּטימיסטן צווישן דער מאַנשאַפט זיינען געווען האָפּערדיק. דער קאַפּיטאַן האָט געהויבן דעם דריטן כוס. די זיכערקייט, אַז זיין סטראַטעגיע איז דערפאָלגרייך, אַז דאָס, וואָס ער פירט די שיף אויף אומוועגן דורך דער טערקישער הינטער — טיר וועט אויסמיידן די ענגלישע בלאָקאַדע, די זיכערקייט האָט אים געשטויסן צו באַנייען זיינע רעוואָלוציאָנערע פּלענער וועגן די צוקונפטיקע ים — רייזעס.

ער האָט נישט פאַרגעסן אונטערצושטרייכן זיין פאָדערונג צו די פירער פון דעם אומלעגאַלן פּלאָט: רויך — טעפּ פאַר אַ רויך — פאַרהאַנג, גאַז — מאַסקעס קעגן די גאַז — באָמבעס און אייזערנע הערנער, וואָס זאָלן אָפּשטויסן ענגלישע קריגס — שיפן, אויב זיי וועלן זיך דערנענטערן.

דער קאַפּיטאַן איז געווען פול מיט ענטוזיאַזם. דאָס האָט אָבער נישט געשטערט די דריי הגנה — באַגלייטער אָנצוהייבן זייערע צוגרייטונגען צום ווידערשטאַנד, אויב אַן ענגלישער אָנגריף זאָל זיין אומפאַרמיידלעך. קודם כל זיינען אַלע צוגעשטעלטע איינריכטונגען אויף די דעקן פון דער שיף געוואָרן אַראָפּגעריסן. די פּראָוויזאָרישע

טואַלעטן, די וואַש — צימערן, אַפילו די הילצערנע באַראַקן, וואָס זיינען געווען פול מיט בעטלעך פאַר די מאַטראַזן, זיינען צעשטערט געוואָרן. די פאַרניכטונגס — אַרבעט איז צוגעגאַנגען מיט אומגעוויינלעכן טעמפּאָ. העק האָבן זיך געהויבן, האַמערס האָבן געקלאַפּט. אין איין שעה צייט האָט די שיף באַקומען דעם אויסזען פון אַ געוויינלעכער לאַסט — שיף, וואָס וואָגלט איבער ימען.

די דיסטאַנץ צווישן די טערקישע ברעגן און חיפה איז נאָך געווען אַ לאַנגע. עס איז אויסגערעכנט געוואָרן, אַז די שיף וועט אָן דער אינטערווענץ פון די ענגלישע קריגסשיפן קענען לאַנדן אין ארץ ישראל אין צוויי טעג אַרום. אויף די ארץ — ישראלדיקע ברעגן גרייט מען זיך פּיבערהאַפט צו אונדזער אָנקום. די געהיימע ראַדיאָ כאַפּט אויף איין סיגנאַל נאָכן צווייטן. דער קאָנטאַקט איז אומצערייסבאַר. די אינסטרוקציעס קומען איצט יעדע שעה. און איבערן דעק זאַמלען זיך שוין רעדלעך. די אָפּטימיסטן האָבן דאָס וואָרט:

— איצט קומט עס!

— גאַנץ ארץ ישראל וואַרט אויף אונדז!

— מיר זיינען געווען יתומים אין די קאַצעטן — האָט אַ ייד זיך צערעדט — מיר זיינען געווען שטיף — קינדער אין די לאַגערן, אָבער דאָ, נאָענט צו די ברעגן, ווערן מיר אַ חלק פון ישוב.

אַ מאָגערע פרוי מיט אַ צעקאַרבט פנים האָט צוזאַמענגעלייגט די הענט מיט אַ קרעכץ:

— זאָל נאָר די לאַנדונג געלינגען!

— כ׳ווייס נישט. כ׳גלויב נישט אין ״זאַבאָבאָנעס״ — האָט אַן אויפגעהייטערטער פאַרשוין זיך אָנגערופן — אָבער דאָס האַרץ זאָגט מיר עפּעס, אַז דאָס מאָל וועט עס געשען.

— פאַרוואָס זאָל עס נישט געשען? — האָט דער צווייטער מיט אַ מינע פון אַ סודות ווייסער אונטערגעהאַלטן — קוק, דאָס ערשטע מאָל ווי אַ הגנה — שיף גייט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. ס׳וועט די ענגלענדער אַפילו נישט איינפאַלן צו שנאַפּן אין דער געגנט.

— הלוואי! פון דיין מויל אין גאָטס אויערן!

— וואָס מיינסטו, מיר גייען אין אַ פאַרקערטער ריכטונג? — האָט אַ צווייטער געפרעגט.

דער סודות — ווייסער האָט אָנגענומען דעם פרעגער פאַר אַן אָרעם און אים אָנגעוויזן די ברעגן:

— זעסט דאָס לאַנד דאָ אַרום?

— כ׳זע.

— איצט מעג מען שוין אויסזאָגן דעם סוד. מיר פאָרן אין די וואַסערן פון טערקיי... אָנשטאָט צו מאַכן דעם קורצן שניט פון איטאַליע קיין חיפה, זיינען מיר געשוווּמען דורך הינטערוועגן.

— נו? — האָט געפרעגט דער תם.

— נו, האָבן מיר פאַרלוירן פינף איבעריקע טעג. אָבער דער וועג איז אַ זיכערער. מען זעט נישט קיין ענגלישע אויסשפיר — שיפן אין די וואַסערן.

דאָס רעדל האָט געגאַפט אויף דעם סודות — ווייסער, ווי צו אים וואָלטן דערגאַנגען אַלע געהיימע ידיעות. דער ייד האָט זיך געפילט דערהויבן אין זיין פאָזיציע און מיט אַ געהיימנישפולער העויה ווייטער גערעדט:

— כ׳ווייס נאָך עפּעס. כ׳ווייס, אַז אויף די בּרעגן פון תל אביב און אויף די בּרעגן פון חיפה און אַפילו לענגאויס פון גאַנץ מפרץ — חיפה וואַרט די גאַנצע בּאַפעלקערונג אויף אונדז...

— ווי קען אַ גאַנצע בּאַפעלקערונג וואַרטן? — הערט זיך אַ קול.

דער סודות — ווייסער האָט גענומען צו הילף זיינע צוויי בּיינערדיקע הענט, כדי צו דערקלערן דעם ענין בּרייטער:

— איר פאַרשטייט ווי עס גייט צו אַ לאַנדונג? דער קאַפּיטאַן וואַרט אויף אַ בּאַפעל ווו׳ הין אַריינצוקומען... לאָמיר זאָגן, פון ארץ ישראל סיגנאַליזירט מען, ער זאָל פאַרקירעווען די שיף קיין תל אביב. דער טאָג איז גראָד שבת. דער בּרעג איז געפּאַקט מיט מענטשן, וואָס בּאָדן זיך... אַז אונדזער שיף פאַראַנקערט, לויפן מיר אַלע אַראָפּ אויפן בּרעג, וואַרפן אַראָפּ פון זיך די קליידער און מישן זיך אויס מיט די בּאָדנדיקע... מענטשן אין בּאָדקאָסטיומען איז שווער אונטערצושיידן איינעם פון צווייטן.

— און טאָמער קומט אונדז אויס צו לאַנדן ערגעץ אַנדערש? — פרעגט עמיצער.

— דעמאָלט וואַרט מען אויף אונדז מיט גרויסע לאַסט — אויטאָס. דער גאַנצער ישוב וואַרט אויף אונדז... אַ גאַנץ פאָלק וואַרט... מען פּאַקט אונדז אַרויף אויף די אויטאָס, מען מאַכט פליטה און מיר צעשפּרייטן זיך איבּערן לאַנד...

— דאָס לייגט זיך מער אויפן שכל.

— זאָל נאָר קומען אַ לאַנדונג, זיינען מיר די געווינערס! — פאַרזיכערט דער סודות ווייסער.

אין מיטן די היציקע שמועסן פון די רעדל — שטייערס, אין מיטן פון נביאות — זאָגן וועגן דעם אופן פון דער לאַנדונג זיינען אָנגעקומען הגנה — בּאַגלייטער און גענומען אָרגאַניזירן די ווידערשטאַנד גרופּן.

די סטאָליאַרעס צווישן די פּליטים זיינען געוואָרן בּאַשעפטיקט. די שלאָסערס זיינען געוואָרן אַקטיוו. אינסטאַלאַטאָרן און מאַשיניסטן האָבּן געקראָגן פולע הענט מיט אַרבּעט. מען האָט אָנגעשלייפט פרענטעס. מען האָט אָנגעשניצט העלצער. פון שטעקנס זיינען געוואָרן קלאָבּס. רערן און אייזערנע קראַטעס זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שלאָג — געצייג, אין פאַרטיידיקונגס וואָפן קעגן שונא, וועלכער וויל פאַרכאַפּן אַ שיף, וואָס פירט די רעשטלעך פון ישראל צו די יידישע בּרעגן.

פון דער מאַשינען — אָפּטיילונג זיינען אַרויסגעקומען דער שיף — אינזשעניער מיט עטלעכע מאַטראָזן און אָנגעהויבּן אויפשטעלן בּאַריערעס און פאַרצוימונגען אַרום בּיידע זייטן שיף.

די טרעפּ, וואָס האָבּן געפירט צו די אונטערשטע שטאָקן זיינען געוואָרן פאַרוויקלט מיט שטעכיקע דראָטן. די לייטערס צו דער פּראָמענאַדע, צום פּראָזשעקטאָר — טורעם און צום קאַפּיטאַנס בּריק זיינען געוואָרן אויסגעשמירט מיט פעטן אויל און מיט שמיר — גריז. עס זיינען בּאַנוצט געוואָרן אַלע שטרויכלונגס מיטלען, כדי צו שטערן די ענגלענדער, אָדער כאָטש צו פאַרלאַנגזאַמען זייער אַרויפקלעטערן אויף דער שיף, ווען אַן אָנגריף זאָל קומען.

## משה שקליאַר

# ליד און לעבן *)

טייערסטע
איך בין היינט קראַנק
אויף ליד
אַ שורה טוט מיר ווי
און ס׳ציט
דער הונגער
צו אַ וואָרט
וואָס איז פון לאַנג
געהאָנגען אויף אַ צווייג
פונעם זיכרון
און זיך אָפּגעריסן
איז געגאַן פאַרלאָרן
אינעם טיפן תחום
פונעם פאַרגעס
אפשר ווייסטו טייערסטע
פון יענעם וואָרט
דעם ריכטיקן אַדרעס
אַנדערש וועל איך אויסגיין
שטאַרבן
מיט נישט פאַרענדיקט ליד
און לעבן

טייערסטע
איך בין היינט קראַנק
איך בין היינט קראַנק אזוי
אויף ליד

*) פונעם נאָר — וואָס דערשינענעם בוך אונטערן זעלבן נאָמען.

# אין נעפּל פון צייט

איך בענק נאָך אַלץ
צו יענעם זינג — געזאַנג
צום וייטן עכאָ — קלאַנג
וואָס האָט כוואַליעווייז
אויף מיר זיך אָנגעטראָגן
און געהיילט
די נישט — פאַרהיילטע ווונדן

איצט
ווען ס׳שליסט זיך שוין
באַלד אָפּ דער קרייז
און אין נעפּל פון דער צייט
איך וועל פאַרשווינדן
קומט ווידער היילן
יענער קלאַנג
און כ׳גיב זיך איבער אים
זאָל ער באַגלייטן מיך
ביז לעצטן זון — פאַרגאַנג

* * *

געמיינט איך וועל דיך גרייכן
אין געדאַנק
אַזאַ ווי ביסט פאַרצייכנט
אין מיין בלוט
נאָר דו ביסט ווי אַ זאַנג
וואָס ענדערט זיך
מיט יעדן קערנדל
פאַרטראָגענעם פון ווינט

יאָג איך זיך נאָך זיי
די קערנדלעך
שוין יאָרן לאַנג
און ווי אַ קינד
כ׳בלייב שטענדיק שטיין
מיט אויגן ברייט צעעפנטע
אַנטקעגן מיניִענדיקער
שיין

* * *

אומגעריכט
האָסט זיך אַנטפּלעקט צו מיר
אין מיטן פון דער נאַכט
מיט אַ ליכט
וואָס האָט אַריינגעלאַכט
אין אַלע ווינקלען
פון מיין הויז
געווען מיר זענען זאַלבעצווייט
און בלויז
אין טונקלער ווייט
איז אויסגערונען און פאַרגאַן
אַן אומבאַקאַנט — באַקאַנטער
שאָטן

* * *

אָט ביסטו געווען
אויף יענער זייט שויב
ווי די זון
אין פרימאָרגן
און אָט ווי אַ שטראַל
זיך אין וואָלקן פאַרבאָרגן
און דער פּעכער
מיין האַרץ
זוכט אַלץ דיך אַרום
אין זיך איינצוזאַפּן

* * *

קום נאָענטער
נאָענטער

קום
אַזוי נאָנט
כ'זאָל קאָנען דערפילן
אין דיר
מיין אייגענעם צאַפּל
כ'זאָל קאָנען פאַרהיטן
דיין בליק
אין מיין שוואַרצאַפּל
און ווען דו ווערסט
קערן צוריק
און פאַרשווינדן
אין נעפּל פון צייט
זאָל בלייבן דיין שיין
מיט מיר בלויז
מיט מיר בלויז
אַליין

פּראָפ. סאָל ליפּצין / ירושלים

## וועגן משה שקליאַרס ניי לידער — בוך
## "ליד און לעבן"

חוץ ניו — יאָרק, איז לאָס — אַנדזשעלעס איצט דער וויכטיקסטער צענטער פון יידיש ליטעראַרישער אַקטיוויטעט אויפן צפון — אַמעריקאַנער קאָנטינענט. דער זשורנאַל "חשבון" וואָס דערשיינט שוין דאָרט פיר און פערציק יאָר איז אַ ביז גאָר וויכטיקער אָרגאַן פאַר יידישער פּראָזע און פּאָעזיע אויפן מערב פון האָדסאָן. צו זיינע מיטאַרבעטער פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר געהערט דער דיכטער משה שקליאַר, וועלכער איז איצט רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל.

מ. שקליאַר, אַ געבוירענער אין וואַרשע, איז בעת דער מלחמה געווען אין סאָוועטן פאַרבאַנד און די ערשטע צוויי יאָרצענדליק נאָך דער מלחמה — אינעם קרייז פון דוד ספּאַרד, וועלכער האָט געפּרוּווט אין פּוילן צוריק אויפבויען די יידישע קולטור, ביז גאָמולקאַ האָט צונישט געמאַכט די דאָזיקע באַמיונגען און געצווּונגען די מערהייט יידישע שרייבער און קולטור — טוער צו עמיגרירן.

מ. שקליאַרס נייעסטע בוך "ליד און לעבן" אַנהאַלט רעמיניסצענסן פון דער פאַרגאַנגענהייט, אַן אידעאַליזירונג פון די קינדער — יאָרן אין וואַרשע ערב דעם חורבן, און האָפענונגען פאַר דער צוקונפט, ווען זיינע אייניקלעך וועלן אויסוואַקסן אין דער מער גינסטיקער אַטמאָספער פון לאָס אַנדזשעלעס. ער באַטראַכט פּרצן און מ.ל. האַלפּערן ווי זיינע מאַדעלן, און ה. לייוויק און פּרץ מאַרקיש זענען זיינע אינספּיראַטאָרן. צום מערסטן אָריגינעל איז ער אין זיינע נאַטור — לידער, צייטנווייז אַריבערטראָגנדיק זיין געפילן — וועלט אויף דער נאַטור, אָבער אָפטער אונטערגעבנדיק זיך דעם נאַטור — פענאָמען וואָס באַצווינגט אים, ווי אין די לידער וועגן די קאַנאַדער בערג, האַוויי, מעקסיקע, שפּאַניע און ישראל.

אומקערנדיק זיך אין זיין דמיון צו וואַרשע, רופט אַרויס דער דיכטער אירע גאַסן און פּלעצער, ווו יידן זענען געטריבן געוואָרן אין זייער לעצטן וועג. ער קאָן זיך נישט

לילי בערגער / פּאַריז

## די גייסטיקע פּאָטערס האָבן דורגעלייגט דעם וועג...

פראַנקרייך מערקט איצט אָפּ אַ גרויסע, עפּאָכע — מאַכנדיקע דאַטע. היינטיקס יאָר 1989 ווערט צוויי הונדערט יאָר זינט דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

צו דער געלעגנהייט דערשיינען זינט כמעט צוויי יאָר פאַרשידנאַרטיקע אָפּהאַנדלונגען חוץ עטלעכע הונדערט ביכער פון היסטאָרקיער, ספּעציאַליסטן אויף דעם געביט. עס ווערט נישט דורכגעלאָזט קיין שום אַספּעקט, קיין שום פּאַרלויפּעניש; עס ווערן אויפגעלעבט די פּערסאָנאַזשן, די העלדן פון יענע עפּאָכע — מאַכנדיקע געשעענישן. עס ווערן אויך נישט אויסגעמיטן די גרויסע פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן מיט העכער צוויי צענדליק יאָר פאַר דער רעוואָלוציע מיט זייערע פּעדערס, מיט זייערע שריפטן גייסטיק צוגעגרייט דעם באָדן, די מוחות און שטופּנווייז געענדערט די מיטלאַלטערלעכע אַטמאָספער — די אַזוי גערופענע ענציקלאָפּעדיסטן. און אויף זיי איז כדאַי באַזונדער זיך אָפּצושטעלן.

אין 1972 האָט מען אין פראַנצויזישע קולטור — קרייזן אָפּגעמערקט די דאַטע פונעם דערשיינען פון די לעצטע בענדער פון דער גרויסער פראַנצויזישער ענציקלאָפּעדיע וועמענס מחברים האבן געפלאַסטערט גייסטיק דעם וועג צו דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. פאַראַן היינט אָן אַ שיער ענציקלאָפּעדיעס אין אַלע לענדער, גרויסע, אַלגעמיינע און פון באַזונדערע געביטן. די פראַנצויזישע גרויסע ענציקלאָפּעדיע, וואָס איז געבוירן געוואָרן מיט איבער צוויי הונדערט יאָר צוריק, איז גאָר פון אַן אַנדער מין, זי איז געווען נישט בלויז אַ גרויסע זאַמלונג פון וויסן נאָר אויך, און דער עיקר, אַן אינסטרומענט, אַ געוועהר צו קעמפן פאַר פרייהייט.

פראַנקרייך איז באַקאַנט אויף דער וועלט ווי אַן אזיל — לאַנד, דאָס הייסט זי נעמט אויף פאַרפאָלגטע מענטשן פון אַנדערע לענדער. אין פראַנקרייך קאָן מען שטענדיק טרעפן מענטשן אַנטלאָפענע פון לענדער, ווו עס הערשן דיקטאַטאָרישע רעזשימען. מיט איבער צוויי הונדערט יאָר צוריק איז אָבער פראַנקרייך אַליין געווען אַ לאַנד פון וואַנען גרויסע פּערזענלעכקייטן זענען אַנטלאָפן, פּונקט ווי דער פראַנצויזישער פילאָזאָף דעקאַרט, וואָס האָט געזוכט אַן אזיל — אָרט אין האָלאַנד. דער סימבאָל פון גרויזאַמקייט איז נאָך ביז היינט פאַרבליבן די באַסטיליע אין פּאַריז, וואָס איז געשטורעמט געוואָרן דורך דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון 1789. דעם טעם פון דער וואַנסענער פעסטונג, הינטער פּאַריז האָט פאַרזוכט נישט איין גייסט — מענטש.

איך בין אין אַ זומערדיקן טאָג געווען אין צפון — מערב פראַנקרייך ביים ים און באַזוכט אַ קאַטעדרע קלויסטער אויף אַ באַרג, וואָס שטאַמט פון יענע צייטן, און וואָס

---

באַפרייען פונעם יידישן צער, אָבער טוט תפילה נישט אַריינצופאַלן אין פאַרביטערונג. די וויינענדיקע גרינע ווערבע דערמאָנט אים אינעם ייד מיט פאַרטרערטע אויגן, דער בלויער פויגל וואָס שוועבט איבער אים, די גראָזן אונטער אים מיט דער טיפער זאַפטיקער גרינקייט, די ביימער אין פולן בלי און דער מילדער ווינט וואָס צערטלט זיי, דערמאָנען אים אין דער וועלט פון זיינע שוועסטער און ברידער, אין דער יידישער וועלט, וואָס איז אָפּגעגאַנגען אין בלוט.

טייל פון מ. שקליאַרס לידער בעטן זיך צום זינגען און וואַרטן אויף אַ טאַלאַנטפולן קאָמפּאָזיטאָר וואָס זאָל זיי פּאָפּוליאַריזירן.

איז באַקאַנט אונטערן נאָמען מאָן סען מישעל, אַ מעכטיקע, פון שטיין אויסגעבויטע געביידע. אַרכיטעקטאָניש איז דאָס אַ גרויס קונסט — ווערק, אָבער אין איין אָפּטיילונג איז געווען אַ תפיסה, אַן ענלעכע צו דער באַסטיליע. און אַזוי ווי אַלץ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מוזיי, אין אַ טוריסטן — אָרט, האָט מען אויפגעלעבט די תפיסה — אָפּטיילונג. קאָן מען זען די קעמערלעך פון די אַמאָליקע אַרעסטאַנטן. דאָס זענען אויסגעהאַקטע נישעס אין די שטיינערנע ווענט, פאַרמאַכטע מיט אייזערנע שטאַכעטן. מען קאָן אויך זען אין וואָסער פּאָזיציע די אַרעסטאַנטן האָבן געמוזט זיך האַלטן אין די פלאַכע קעמערלעך — לעכער. פאַראַן אויך דאָרט ספּעציעלע אייזערנע שטייגן אין וועלכע מ'האָט אַריינגעוואָרפן די שווער באַשטראָפטע אפּיקורסים, אָדער בונטאַרן. אין איין שטייג פון אייזערנע שטאַנגען זיצט אַ גיפּסענער מענטש אָנגעטאָן אין מלבושים פון אַ קאַרדינאַל. דער "גייד", דער יונגער מענטש וואָס האָט אונדז געגעבן אויפקלערונגען, האָט מיט באַוווּנדערונג דערציילט, אַז דער דאָזיקער קאַרדינאַל האָט אויסגעהאַלטן 6 חדשים...

די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט אַראָפּגערוימט די באַסטיליעס, אָבער דער גייסטיקער פאָטער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז געווען די גרויסע פראַנצויזישע ענציקלאָפּעדיע, אירע מחברים, די שעפער אירע, וואָס מען רופט ביז היינטיקן טאָג די ענציקלאָפּעדיסטן. זיי האָבן אונטערגענומען מיט זייערע פעדערס דעם קאַמף געגן די באַסטיליעס, זיי האָבן צוגעגרייט די מוחות אַנדערש צו טראַכטן און באַנעמען.

אין פראַנקרייך איז אין קולטור — קרייזן פאַראַן דער באַגריף "לא פּאַנסע פראַנסעז", אין יידיש איז דאָס בוכשטעבלעך דער פראַנצויזישער געדאַנק; עס קלינגט נישט אַזוי היימיש ווי אין פראַנצויזיש. דאָס וואָרט פראַנצויזישער געדאַנק פאַרמאָגט אין זיך נישט נאָר אַ גייסטיק ספּיריטועלן אינהאַלט, נאָר אויך אַן עטישן, דאָס באַדייט פראַנצויזישע מחשבה פאַרפלאָכטן ענג מיט הומאַניטאַריזם. און דאָס האָט באַשאַפן די פראַנצויזישע ענציקלאָפּעדיע.

* * *

די פראַנצויזישע גרויסע ענציקלאָפּעדיע, וואָס באַשטייט פון 17 דיקע בענדער טעקסט און 7 בענדער גראַוויורן און קאַרטן, איז אַ קאָלעקטיוו ווערק ווי אַלע גרויסע ענציקלאָפּעדיעס; זי נעמט אַרום אַלע געביטן פון מענטשלעכן לעבן, אַלע צווייגן פון דער דעמאָלטיקער וויסנשאַפט, זי האָט אָפּגעגעבן אַ סך אָרט פאַר דער פיזישער אַרבעט פון מענטש, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ נייע זאַך, אָבער נישט אין דעם באַשטייט איר גרעסטער אויפטו. צום ערשטן מאָל זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן עפנטלעך, אין אַ וויסנשאַפטלעך ווערק אַזעלכע דרייסטע געדאַנקען און אַריינגעפירט געוואָרן באַגריפן, וואָס האָבן געמאַכט אַן איבערקערעניש אין די דעמאָלטיקע איינשטעלונגען. מיט דער ענציקלאָפּעדיע איז געבוירן געוואָרן אַ נייע לעבנס-פילאָזאָפיע, אַ נייע וועלט — אָנשויונג פול מיט הומאַניטאַריזם, אָפּטימיזם, מיט גלויבן אין מענטש; אַ פילאָזאָפיע, וואָס האָט געצילט צו באַפרייען דעם מענטש פון דאָגמאַטישן, סכאָלאַסטישן אַרט דענקען און פון די מיטלאַלטערלעכע פענטעס. דערפאַר איז זי, די ענציקלאָפּעדיע, געווען אַ מעכטיק געווער קעגן דער אַליינהערשערישער מאָנאַרכיע און דער קירכע.

דאָס 18-טע יאָרהונדערט אין פראַנקרייך, וואָס האָט געשטעקט נאָך טיף אין מיטלאַלטער, האָט געבוירן אַ מערקווירדיקע דערשיינונג: אַ גרויסע פלעיאַדע גרויסע פערזענלעכקייטן פילאָזאָפן, שרייבער, וויסנשאַפטלער האָבן זיך פאַרמאָסטן אָנצוצינדן

ליכטער אין דער מיטלאַלטערלעכער פינצטעניש. דאָס זענען דעמאָלט געווען די ענציקלאָפּעדיסטן. זייער יאָרהונדערט האָט מען דערפאַר אַ נאָמען געגעבן דאָס יאָרהונדערט פון ליכטער. וועגן זיי זאָגט מען, אַז זיי האָבן מיט זייער שרייבן צוגעגרייט דאָס שטורעמען פון אַלע באַסטיליעס.

היינט, ווען מענטשן פון וויסן און גייסט האָבן כמעט קיין שום איינפלוס נישט אויף דעם וואָס קומט פאָר ארום זיי, ווען זיי זיצן זיך רואיק און שאַפן אין זייערע קאַבינעטן און לאַבאָראַטאָריעס, און פּאָליטיקער, בייזע הערשער, קאָנען טאָן וואָס זיי געפעלט, אַפילו אויסנוצן די וויסנשאַפטלער פאר די גרויזאַמסטע צילן, דערשיינט נאָך בולטער די גרויסע געוואַגטקייט פון יענע גייסט — מענטשן, וואָס מען רופט ענציקלאָפּעדיסטן און וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן קעגן דער מעכטיקייט פון דער דעמאָלטיקער מאָנאַרכיע און דער קירכע.

* * *

פראַנקרייך איז דעמאָלט געווען אַ פעסטונג פון דעספּאָטיזם, אומטאָלעראַנץ, פאַנאַטיזם. אין 1766 האָט מען נאָך אָראָפּגעהאַקט אין פראַנקרייך דעם קאָפּ אַ 19־יעריקן ריטער בלויז דערפאַר, ווייל בעת אַ הייליקער פּראָצעסיע האָט ער נישט אַראָפּגענומען דאָס היטל. ס'זענען געווען שחיטות אויף אַנדערש גלויביקע; יידן, פּראָטעסטאַנטן זענען פאַרפאָלגט געווען. יעדער פרייער געדאַנק איז באַטראַכט געוואָרן אַלס א פאַראַט קעגן דער מלוכה און דער קירכע. אין 1757 איז איינגעפירט געוואָרן טויט — שטראָף פאַר פאַרלעגער, וואָס גיבן ארויס נישט צענזורירטע ביכער. דער פּאַריזער אוניווערסיטעט איז געווען אין די הענט פון די דעמאָלטיקע יעזואיטן, דעמאָלטיקע, ווייל היינט זענען די יעזואיטן מער פּאָרגעשריטן ווי אַנדערע קאַטוילישע גייסטלעכע. פּאַרן יוסטיץ — פּאַלאַץ אין פּאַריז איז געווען אַ ספּעציעל אָרט, וווּ מען פלעגט ברענען אפּיקורסישע ביכער. צווישן די פאַרמשפּטעטע צום שייטערהויפן ביכער האָבן זיך געפונען אַזעלכע ווערק ווי זשאַן זשאַק רוסאָס בוך "עמיל", דעם פילאָזאָף און שרייבער דידראָס אַ בוך, וואָלטערס "פילאָזאָפישע שריפטן" און פיל ענלעכע. מאָנטעסקיעס אַ בוך איז פאַרבאָטן געוואָרן צו לייענען. זיינע באַרימטע פּערסישע בריוו האָט ער ארויסגעגעבן אונטער אַן אַנאָנימען נאָמען. דער תלמוד איז אין פּאַריז פאַרברענט געוואָרן נאָך אין 1242. דידראָ און וואָלטער זענען געזעסן אַ שטיקל צייט אין דער וואַנסענער פעסטונג; אַנדערע האָבן געפוילט אין די קעלערן פון דער באַסטיליע. זשאַן זשאַק רוסאָ האָט לאַנג געלעבט אומלעגאַל און קראַנק געוואָרן אויף אַ פאַרפאָלגונגס מאַניע.

אין אַזעלכע באַדינגונגען איז דער פילאָזאָף און שרייבער דידראָ צוזאַמען מיט אַ פּאַריזער פאַרלעגער צוגעטראָטן שאַפן דאָס גרויסע זאַמל — ווערק אַרום וועלכן ער האָט גרופּירט אַ ריזיקע פלעיאַדע שרייבער, פילאָזאָפן, קינסטלער, וויסנשאַפטלער פון אַלע געביטן. דער פאַרלעגער האָט געהאַט באַקומען אַ דער לויבעניש אַרויסצוגעבן אַ וויסנשאַפטלעך ווערק. פּאַרן דערשיינען פון ערשטן באַנד, אין 1751, איז דידראָ אַרעסטירט געוואָרן. דער צווייטער באַנד איז דאָך דערשינען אין אַ יאָר אַרום. ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורעם קעגן די צוויי בענדער. מ'האָט זיי געלייגט אין חרם. מ'האָט מאָבילידירט אַלע הויף — שרייבער, זשורנאַליסטן צו באַווייזן מיט פאַקטן די שעדלעכקייט פון דער ענציקלאָפּעדיע פאַר דער מאָראל פון פאָלק. צו הילף די יעזואיטן איז געקומען דער וואַטיקאַן; דער פּויפּסט האָט אַלע ענציקלאָפּעדיסטן אַריינגעלייגט אין חרם. דורך אַ קעניגלעכן דעקרעט איז די ענציקלאָפּעדיע פאַרבאָטן געוואָרן. אייניקע מיטאַרבעטער האָבן זיך דערשראָקן, אָבער דער גרעסטער טייל פון די ענציקלאָפּעדיסטן

האָט אין די מוראַדיקסטע באַדינגונגען, אין אומלעגאַליטעט פאַרגעזעצט צוצוגרייטן די ווייטערדיקע בענדער. די לעצטע בענדער זענען דערשינען אונטער אַ פאַלשן נאָמען פון אַ שווייצאַרישן פאַרלעגער. סוף 1772 זענען דערשינען די לעצטע צוויי בענדער גראַוויורן און דערמיט איז די ענציקלאָפּעדיע געוואָרן פאַרענדיקט, די 25 יאָר, וואָס ס׳האָט גענומען צו שאַפן די ענציקלאָפּעדיע זענען געווען יאָרן פון אומטאָלעראַנץ, רעליגיעזן פאַנאַטיזם, פון רדיפות קעגן מענטשן, קעגן יעדן פרייען וואָרט. דעם פראַנצויזישן פאַרלעגער, וועלכער האָט געהאַט צום צווייטן מאָל באַקומען אַ דערלויבעניש צו דרוקן אַ וויסנשאַפטלעך ווערק, האָט מען לסוף אַריינגעוואָרפן אין דער באַסטיליע און די ענציקלאָפּעדיסטן האָבן ווייטער פאָרגעזעצט דאָס גרויסע ווערק, וואָס האָט געטראָגן אין זיך די אידעען פון מענטשן באַפרייונג.

* * *

ווער זענען זיי געווען, די פראַנצויזישע ענציקלאָפּעדיסטן?

דאָס זענען, ווי דערמאָנט, געווען שרייבער, פילאָזאָפן, ווי זשאַן זשאַק רוסאָ, וואָלטער, דידראָ, העלוועציוס, מאָנטעסקיע, וויסנשאַפטלער פון פאַרשידענע געביטן ווי דער מאַטעמאַטיקער ד׳האַלעמבער. די רשימה איז אַ צו לאַנגע זיי אַלע אויסצורעכענען. כדאי איז אָבער אונטערצושטרייכן, אַז דאָס זענען נישט געווען קיין מענטשן פון איין אידעיִשן שניט. לויט זייערע פילאָזאָפישע און אידעיִשע קאָנצעפּציעס האָבן זיי זיך אַ סך אונטערשיידט צווישן זיך, געווען צווישן זיי אַטעיִסטן און דעיִסטן, מיט פאַרשידענע פּאָליטישע קאָנצעפּציעס; דער עיקר האָבן זיך די דריי באַדייטנדיקסטע אונטערגעשיידט צווישן זיך. וואָלטער, למשל, איז קיין מאָל נישט געווען קיין דעמאָקראַט, נישט געקוקט דערויף וואָס ער האָט אַזוי פאַרביסן געקעמפט קעגן די דעמאָלטיקע הערשער און קעגן דעם אָבסקוראַנטיזם פון קלויסטער. ער איז געווען פאַר אַ מאָנאַרכיע, נאָר זי זאָל זיין אַן אויפגעקלערטע, אַ מאָדערנע. אגב קאָן מען ביי וואָלטערן נישט איין מאָל געפינען אַ שטעכיק וואָרט קעגן יידן, כאָטש ער האָט געפאָדערט רעליגיעזע טאָלעראַנץ און געשטורעמט קעגן די גייסטלעכע און דעם קלויסטער. דאַקעגן זשאַן זשאַק רוסאָ איז געווען אַן אמתער פלעבעיער, אַ דעמאָקראַט, ער האָט געפאָדערט אַבסאָלוטע גלייכהייט פאַר אַלע. אויך אין זיין פילאָזאָפישער קאָנצעפּציע איז ער געווען אין ווידערשפּרוך מיט דער גאַנצער אויפפאַסונג פון די ענציקלאָפּעדיסטן, וועלכע האָבן געשטעלט דעם מענטשלעכן שכל איבער אַלעם. זשאַן זשאַק רוסאָ האָט באַגרינדעט, אַז די ציוויליזאַציע ברענגט גרויסע אומגליקן דעם מענטש, ער האָט געפּרעדיקט צו פירן אַ לעבן נאָענט צו דער נאַטור. ער איז אַפילו געהאַט ארויסגעטראָטן קעגן שאַפן אַ טעאַטער אין גענף, ווען ער האָט זיך דאָרט אויפגעהאַלטן. דידראָ איז געווען דער קאָנסעקווענטסטער פון זיי אַלע, ער איז געווען אַ פילאָזאָף רעוואָלוציאָנער, אַ מאָדערנער פילאָזאָף.

און די אַלע מענטשן פון פאַרשידענע קאָנצעפּציעס און שטאַנדפּונקטן האָט פאַראייניקט אַ געמיינזאַמער ציל. היינט זענען אַזעלכע מענטשן צעריסן צווישן זיך, אַזוי גוט ביי יידן ווי ביי נישט יידן; ווען מען האָט פאַרשידענע מיינונגען קאָן מען זיך נישט צוניפרעדן, אַפילו ווען עס גייט אין אַ זאַך וואָס ליגט אַלעמען אויפן האַרץ. מיט איבער צוויי הונדערט יאָר צוריק האָבן די ענציקלאָפּעדיסטן געוויזן, אַז מענטשן פון פאַרשידענע אָנשויונגען, איבערהויפּט שאַפערישע מענטשן, קאָנען צוזאַמענאַרבעטן פאַר אַ געמיינזאַמער גרויסער זאַך. און די געמיינזאַמע זאַך איז געווען צו באַפרייען דעם מענטשלעכן מוח פון דאָגמאַטישן אַרט דענקען, פון דער סכאָלאַסטיק, פון דער אַלמעכטיקייט פון קלויסטער מיט זיין אינקוויזיציע און צענזור, פון מיטלאַלטערלעכן

סיסטעם צו פאַרטיילן מענטשן אין אומבאַגרענעצטע הערשער, און רעכטלאָזע אונטערטאַנער. פאַראייניקט האָט זיי אויך אַ געמיינזאַמע פילאָזאָפישע קאָנצעפּציע, אַז דער מענטש איז פון דער נאַטור באַשטימט צו זיין פריי און אַז פאַרפאַלגן אַ מענטש פאַר אַן אנדער מיינונג איז אַ פאַרגוואַלטיקונג קעגן די עלעמענטאַרע נאַטור — געזעצן. ווי אַזוי די אַלע ענינים אַרויסצוברענגען אין דער ענציקלאָפּעדיע, איז יעדערער געווען פריי. דידראָ, דער פאַראַנטוואָרלעכער פאַר דער רעדאַקציע פון דער ענציקלאָפּעדיע, האָט יעדן איינעם געלאָזן פרייע הענט, צו שרייבן לויט זיין אייגענעם שטאַנדפּונקט, פון זיין אייגענעם קוק — ווינקל. די פילצאָליקע אַרבעטן, באַטראַכטונגען וועגן פאַנאַטיזם, טאָלעראַנץ, פרייהייט, מענטשלעכע רעכט צו דיספּאָנירן מיט זיין פערזאָן, האָט יעדער מחבר געקאָנט שרייבן און ס'זאָל ווערן פובליקירט אזוי ווי ער פארשטייט און באַנעמט, אַפילו ווען דאָס איז נישט געווען מיט אַן אלגעמיינעם צוגאַנג צו דער זאַך. פון דעם שטאַנדפּונקט איז די ענציקלאָפּעדיע ווי אַ פיל פארביקע מאָזאַיִק פון פארשידענע קאָנצעפּציעס, שטאַנדפּונקטן, אָבער אַלע צוזאַמען זענען געווען באַהויכט מיטן דראַנג צו באַפרייען דעם מענטש פון רעליגיעזן פאַנאַטיזם, פון דער שרעק פאַרפאַלגט צו ווערן, פון די פענטעס מיט וועלכע מע בינט דעם יחיד אין נאָמען פון וואָסער עס זאָל נישט זיין כלל. אין אַן עסיי וועגן טאָלעראַנץ, וואָס דידראָ האָט אָנגעשריבן, קאָנען מיר לייענען אין דער ענציקלאָפּעדיע אַזעלכע נאָך היינט זייער באַלערנדיקע, און אַקטועלע שורות: ״פאַרשידענע אָנשווּנגען וועלן שטענדיק עקזיסטירן צווישן מענטשן... דער איינפאַל צו דערפירן אַלע מענטשן צו איין איינהייטלעכער אָנשויונג וועט בלייבן נישט מער ווי אַ כימערע. דאָך זאָגן די הערשער, אַז די פּאָליטישע אינטערעסן פאַרלאַנגען, אַז מען זאָל איינפירן אַזאַ איינהייטלעכקייט. איז אויב ס'וועט זיך איינגעבן צו פאַרטרייבן אַלע איבערצייגונגען, וואָס זענען אין סתירה מיט די אָנערקענטע איבערצייגונגען פון דער מלוכה, וועט מען אַזוי באַגרענעצן דעם מענטש, אַז מען וועט מאַכן פון אים אַן אמתן אויטאָמאַט...״

די דאָזיקע ווערטער פון פילאָזאָף און שרייבער דידראָ און פיל ענלעכע באַטראַכטונגען פון אַנדערע ענציקלאָפּעדיסטן האָבן זיך באַרעכטיקט הונדערט פופציק יאָר שפּעטער. און ווען מיר לייענען היינט פאַרשידענע אָפּהאַנדלונגען וועגן די נאַטירלעכער רעכט פון מענטש צו זיין פריי, וועגן דער נויטיקייט צו טאָלערירן פאַרשידענע איבערצייגונגען, האָט מען דעם איינדרוק, אַז די ענציקלאָפּעדיסטן האָבן עס געשריבן נישט בלויז פאר זייער צייט, נאָר אויך געוואָלט וואָרענען די צוקונפטיקע דורות קעגן דער פלאָג פון טאָטאַליטאַרע רעזשימען.

* * *

די ענציקלאָפּעדיסטן האָבן געהאַט אַן אומגעהויערן איינפלוס אויף דער אַנטוויקלונג פון דער דעמאָקראַטיע, איבערהויפּט זשאַן זשאַק רוסאָ מיט זיין ווערק ״דער סאָציאַלער טראַקטאַט״. און דאָס נישט בלויז אין פראַנקרייך; זיי האָבן געהאָלפן אויספאָרמירן דעם מאָדערנעם געדאַנק, באַפרייען פון פאַרשידענע פאַרבאָטן. ס'איז נישט געווען קיין איין געביט פון מענטשלעכן שאַפן אויף וועלכן זיי זאָלן נישט האָבן געלייגט זייער חותם און דערנאָך, נאָך דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָבן זייערע ווערטער אָפּגעהילכט איבער דער וועלט ווי אַ פרייהייטס — גלאָק.

די ענציקלאָפּעדיסטן האָבן אויך געלייגט זייער שטאַרקן חותם אויף דער ליטעראַטור. ווי אַ קולטור דערשיינונג, ווי אַ באַוועגונג זענען די פראַנצויזישע ענציקלאָפּעדיסטן געווען אַ מערקווירדיקער פענאָמען. זיי זענען אַלע געווען אַלזייטיקע גייסטער, שאַפער אויף די פאַרשידנסטע געביטן. אין אונדזערע צייטן געשעט זייער זעלטן אַ מענטש,

אַפילו דער גוניאַלסטער, זאָל קאָנען ווירקן און שאַפן אויף פאַרשידענע געביטן. היינט הערשט די ספּעציאַליזאַציע, איבעריקנס זענען די ספּעציאַליזירטע געביטן אַזוי פאַנאַנדערגעוואָקסן, אַז דער שעפער ווערט איינגעשלונגען פון איין געביט. און אפשר האָט זיך דער מענטשלעכער מוח צוגעוווינט צו זיין שעפעריש אין איין ריכטונג. פאַראַן א סברה, פאַרשידענע סיבות. אין דער צייט פון רענעסאַנס, איבערהויפּט אין איטאַליע, זענען געווען אַלזייטיקע שעפער. לעאָנאַרדאָ דאַווינטשי, למשל, דער גוניאַלער מאָלער איז געווען אַן אינזשיניער, אַ קאָנסטרוקטאָר, אַ דערפינדער אויפן וויסנשאַפטלעכן און טעכנישן געביט; ער האָט געמאַכט פּראָיעקטן ווי אַזוי דורכצופירן קאַנאַליזאַציע, האָט נאכגעפאָלגט דעם פלי פון די פויגל און איז געקומען צום אויספיר, אַז מען קאָן שאַפן אַ קינסטלעכן, מעטאַלענעם גרויסן פויגל, אז דער מענטש וועט קאָנען פליען מיט דער הילף פון אים. און ער האָט קאָנסטרואירט אַזאַ גרויסן קינסטלעכן פויגל. ס׳איז געווען דער ערשטער פּרווו צו מאַכן אַן עראָפּלאַן. ס׳האָט זיך אים נישט איינגעגעבן, ווייל די טעכניק, די וויסנשאַפט איז נאָך געווען אויף אַ נידעריקער שטופע. אָבער זייענדיק איבערן קאָפּ פאַרטאָן אין מאָלעריי, שאַפנדיק אַזוי פיל קונסט — ווערק — און נישט אַלץ פון זיין מאלעריי איז פאַרבליבן, אַ סך ווערק זיינע זענען פאַרניכטעט געוואָרן, זייענדיק אַזוי שעפעריש אויפן געביט פון קונסט, האָט ער זיך איינצייטיק פאַרנומען מיט טעכניק און וויסנשאפט. אין אונדזער יאָרהונדערט זענען באַקאַנט איינצלנע אַזעלכע פאַלן, און דאָס אין אַ באַגרענעצטער מאָס. טאָמאַס מאַן איז געווען נישט נאָר אַ גרויסער ליבהאָבער פון מוזיק נאָר אויך אַ קענער פון מוזיק. אָבער דאָס האָט אים גענוצט בלויז צו זיינע ליטעראַרישע ווערק. איינשטיין האָט געשפּילט פידל, אָבער דאָס איז געווען ביי אים אַ האָבי. אין פראַנקרייך זענען געווען אין אונדזער צייט צוויי אָנגעזעענע שאַפערס, וואָס זענען אַרויס פון די באַשטימטע, אייגענע ראַמען — זשאַן פּאָל סאַרטר, ער איז געווען פילאָזאָף, דער גרינדער פון פראַנצויזישן עקסיסטענציאַליזם, און איז גלייכצייטיק געווען אַ ראמאַנען שרייבער, אַ דראַמאַטורג. דער צווייטער איז אַנדרע מאַלראָ, אַ ראמאַנען שרייבער פון גרויסן פאַרנעם און גלייכצייטיק אַ פאָרשער פון פּלאַסטישער קונסט, אָפּגעגעבן זיך אַ סך מיט געשיכטע פון קונסט; זיינע ביכער אויף דעם געביט זענען זייער וואָגיקע.

* * *

די פראַנצויזישע ענציקלאָפּעדיסטן זענען קודם פילאָזאָפן, זיי האָבן באַגרינדעט אַ נייע פילאָזאָפיע וועגן מענטש און וועלט. זיי זענען אָבער גלייכצייטיק געווען שרייבער בעלעטריסטן, פאָרשער, קונסט קריטיקער, ליטעראַטור טעאָרעטיקער, מיט איין וואָרט, אַלזייטיקע שאַפערס און גלייכצייטיק אונטערנעמערישע מענטשן. דידראָ האָט אָנגעשריבן בלויז פאַר דער ענציקלאָפּעדיע ביי די טויזנט אַרטיקלען אויף פאַרשידענע טעמעס, פילאָזאָפישע, געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע: ער איז געווען אַ קונסט — קריטיקער און געשריבן וועגן קונסט, ער איז געווען אַ ליטעראַטור טעאָרעטיקער, אַ באַגרינדער פון אַ נייער שיטה, אָנגעשריבן אַ סך ביכער און גלייכצייטיק געווען דער הויפּט — רעדאַקטאָר פון דער ענציקלאָפּעדיע. און ביי דעם אַלעמען זענען זיי געווען אויף יעדן געביט נאָוואַטאָרן.

די ענציקלאָפּעדיסטן האָבן אויך אַריינגעבראַכט פיל נייעס אין דער ליטעראַטור, אַ שטויס געגעבן זי פאָרויס, וואָס האָט זיך אויסגעווירקט אויף די ליטעראַטורן אין כמעט אַלע אייראָפּעישע לענדער.

די פראַנצויזישע ליטעראַטור האָט אין דער צווייטער העלפט פון ״יאָרהונדערט פון די ליכטער״ איבערגעלעבט אַ ירידה. אין 17־טן יאָרהונדערט זענען געווען גרויסע

שרייבער, ווי די דראַמאַטורגן קאַרנעי, ראַסין, זיי האָבן הויפּטזעכלעך געשריבן קלאַסישע דראַמעס. מיטן פאַרשטאַרקן זיך פון אַבסאָלוטיזם און פון דער מאַכט פון קלער זענען אויפגעקומען שרייבער, דראַמאַטורגן, וואָס האָבן געשריבן נודנע, אויסגעדראָשענע דראַמעס, אָדעס צו פאַרווײַלן אָדער געפעלן די אַריסטאָקראַטישע לײַט. ס׳איז אַ באַקאַנטע זאַך, אַז ווען עס הערשט אַ שטרענגע צענזור, און מען וויל זיך צופּאַסן צו איר, קאָן זיך קיין ליטעראַטור נישט אַנטוויקלען. אויף דעם קינסטלערישן וואָרט דריקט אומעטום און שטענדיק די צענזור מער ווי אויף יעדן אַנדערן שאַפערישן געביט.

די ענציקלאָפּעדיסטן זענען, ווי געזאָגט, געווען אויך שרייבער. רוסאָ איז געווען אַ באַגאַבטער שרייבער און אַ באַנייער. ער האָט פון אַלע ענציקלאָפּעדיסטן אַרײַנגעטראָגן דעם וואָגיקסטן בײַטראָג אין דער פראַנצויזישער און אין דער וועלט ליטעראַטור. זײַנע ביכער "עמיל", "וודוי", "די נײַע העלאָיז" האָבן געהאַט אַ ווירקונג אויף שרייבער אין פיל לענדער. "די נײַע העלאָיז" האָט געשאַפן אַ דאַטע אין דער וועלט ליטעראַטור; וועגן דעם בוך זאָגט מען, אז עס האָט געגעבן אַ מוסטער פאַר אַ ליבע — ראָמען. און רוסאָ אַלס שרייבער האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף אַזעלכע שרייבערישע טאַלאַנטן ווי וויקטאָר הוגאָ, געטע, שילער, בײַראָן. רוסאָן איז אָבער נישט געגענגען בלויז אין שאַפן אַ ליבע ראָמאַן. שילדערנדיק די ליבע — טראַגעדיע פון צוויי יונגע מענטשן, פון זשילי און סען פרע, האָט רוסאָ געצילט אין די מנהגים פון פאַרן יונגע מענטשן לויט סאָציאַלע שטאַנדן, דורך צוואַנג חתונה צו האָבן מיט דעם ווער עס שטייט אָן די עלטערן. ער האָט דורך זײַן ליבע — ראָמאַן געפּרעדיקט, אַז נאָר אמתע ליבע קאָן זײַן די באַזע פון צוזאַמענלעבן. זײַן פּראָזע, וואָס וויבּרירט מיט פּאָעסיע, מיט נאַטור שילדערונגען, מיט פּאָעזיע האָט אַרײַנגעגאָסן פריש בלוט אין ליטעראַטור. זײַן בוך "עמיל", כמעט אַ פּעדאַגאָגישער טראַקטאַט אין פאָרעם פון אַ ראָמאַן, האָט געהאַט אַן אָפּקלאַנג אין דער פּעדאַגאָגיק.

מיט זײַן בוך "וודוי", וואָס איז געווען צו יענער צײַט אַן אַנטפּלעקונג פון קינסטלערישער שילדערונג און מענטשלעכער, שרײַבערישער אויפריכטיקייט, האָט ער געגעבן דעם געבורט פון אַן אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן. רוסאָ האָט געוויזן אַ וועג ווי אַזוי אַ שרייבער קאָן און דאַרף עפענען פאַרן לייענער דאָס אייגענע האַרץ. רוסאָ דער ענציקלאָפּעדיסט שרייבער איז געווען דער פאָרגייער פון די גרויסע שפּעטערדיקע פראַנצויזישע און אייראָפּעישע שרייבער אין דעם ראָמאַנטיזם פּעריאָד, אָנהייבנדיק פון הוגאָ, זשאָרזש סאַנד און אַנדערע.

די ליטעראַטור איז אַ סברה, געווען אַ שפּרונג — גרעט. פאַר די ענציקלאָפּעדיסטן פילאָזאָפן איז אַ ראָמאַן, אַ דערציילונג, אַ דראַמע, אַ קאָמעדיע געווען אַ בריק דורך וועלכער זייערע אידעאַלן צו באַפרײַען דעם מענטש פון מיטלאַלטערלעכן דרוק זענען דערגאַנגען צו דער געזעלשאַפט, פאַרשטייט זיך צו זייער אַ באַגרענעצטן טייל, מחמת די גרויסע מאַסע פון פאָלק האָט דעמאָלט גאָר ווייניק אָדער אינגאַנצן נישט געקאָנט לייענען. אין די דעמאָלטיקע ליטעראַרישע שאַפונגען האָט דאָמינירט דער גלויבן אין מענטשלעכן שכל, דער דראַנג צו פרײַהייט און גלײַכהייט, די פאַראַכטונג צו טיראַניע, צו דער קירכע, דאָס אויסלאַכן אָבערגלויבנס און פאָראורטיילן. די ליטעראַטור האָט באַקומען נײַע פליגלען. ס׳איז אַנטשטאַנען דער פילאָזאָפישער ראָמאַן, די פילאָזאָפישע דערציילונג, דער פאַנטאַסטישער ראָמאַן; אָפּטמאָל האָט מען אַרײַנגעפירט עקזאָטישע פאַרשוינען אין דער ליטעראַטור און דורך זייערע מײַלער האָט דער שרייבער געזאָגט דאָס, וואָס ס׳איז געווען געפערלעך צו זאָגן דורך אַ פראַנצויז. דער צוממײַנסטן כאַראַקטעריסטישער ראָמאַן פון דעם מין זענען "די פּערסישע בריוו" פון מאָנטעסקיע. מאָנטעסקיע האָט געשיקט אויף אַ רײַזע צוויי פּערסן, וועלכע האָבן זיך פאַרהאַלטן אויף

אַ לענגערער צייט אין פּאַריז. אין זייערע בריוו צו פריינד האָבן זיי באַשריבן אַלע מיאוסע און שלעכטע זייטן פון דעמאָלטיקן פראַנצויזישן לעבן, וואָס די פראַנצויזן האָבן אַליין גוט געקענט, ס'איז אָבער ארויסגעקומען שענער און אוודאי איז פּאָרזיכטיקער געווען, אַז פּערסן זאָלן רעדן דערוועגן. מיט איין וואָרט, די ענציקלאָפּעדיסטן שרייבער זענען קיין שלימזלניקעס נישט געווען, זיי האָבן געפונען צענדליקער אופנים אויף צו זאָגן דאָס, וואָס מען האָט נישט געטאָרט זאָגן.

דער ענציקלאָפּעדיסט און פילאָזאָף דידראָ איז געווען אַן אַלזייטיקער שרייבער — ער האָט געשריבן ראָמאנען, דערציילונגען, דראַמעס, שוין אָפּגערעדט פון פילאָזאָפישער עסייאיסטיק, קונסט — קריטיק, און ליטעראַטור — קריטיק: ער איז געווען אַ ליטעראטור טעאָרעטיקער, האט אָנגעצייכט די הויפּט — שטריכן פון דעם שפּעטערדיקן ראָמאנטיזם. באַהאַנדלענדיק אין דער ענציקלאָפּעדיע דאָס וואָרט געניאַל, האָט ער באהויפּטעט, אַז דאָס דריקט זיך אויס ביים שאַפער ווען ער שאַפט מיט ענטוזיאזם, מיט פּאַטאָס, מיט האַרץ און דאָס איז אייגנטלעך דערנאָך געווען פון די הויפּט — שטריכן פון ראָמאַנטיזם. זיין גרעסטער פאַרדינסט אַלס ליטעראַטור טעאָרעטיקער איז זיין דרייסטע און געוואַגטע צו יענער צייט פאָדערונג צו לאָזן דעם מענטשלעכן טאַלאַנט פריי זיך אַנטוויקלען. די שרייבערישע פּערזענלעכקייט, לויט אים, קאָן אַנדערש זיך נישט געשטאַלטיקן, ווי זייענדיק פולשטענדיק אומאָפּהענגיק, פון קיינעמען נישט דיקטירט.

צווישן די ראָמאַנען, וואָס דידראָ האָט אנגעשריבן, פילאָזאָפישע, שטייגערישע, האָט זיך באַזונדער אויסגעטיילט "די הייליקע שוועסטער" אָדער "די נאָנע" אין וועלכער מיר זעען די גרויזאַמקייט פון פרויען מאָנאַסטיר, וווּ די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט ווערט פולשטענדיק צעטראָטן. "די הייליקע שוועסטער" האט געהאַט אַן אומגעהוירע באַדייטונג סיי פאַר דער ליטעראטור מיט איר קינסטלערישן אויסקלאַנג, סיי פאַר דער געזעלשאַפט מיטן שטעלן אַזוי שאַרף אויפן סדר — היום דאָס אוממענטשלעכע פון רעליגיעזן פאַנאַטיזם. דאָס בוך איז פאַרבאָטן געווען. נאָך היינט איז עס זייער אַ שווערער ביסן פאַרן קלויסטער און אַ פילם וואָס איז געמאַכט געוואָרן לויט דעם בוך מיט אַ סך יאָרן צוריק האָט געהאַט צו טאָן מיט דער צענזור.

אויך וואָלטער, דער צומיינסטן טיפּישער פילאָזאָף, איז געווען אַ שרייבער מיט פאַר נעם. ער האָט געשריבן פּאָעמעס, ראָמאַנען, ער האָט געשאַפן דעם אייגנטימלעכן זשאַנער פון אַ פילאָזאָפישער נאָוועלע, אויף פראנצויזיש האָט דאָס אַ בעסערע באַצייכענונג, קאָנט פילאָזאָפיק — פילאָזאָפישע מעשה. ער האט אָנגעשריבן אזש 52 טעאַטער — פּיעסן, פון זיי 27 טראַגעדיעס, וועלכע ער האָט באַלעבט מיט נייע אינהאַלטן, האָט אַריינגעפירט אין זיי פאַמיליען — קאָנפליקטן, אָפּערע עלעמענטן, רעוואָלט מאָטיוון קעגן ווילקיר, קעגן פאַנאַטיזם. אָבער אין דער ליטעראַטור איז זיין נאָמען געבליבן פאַרבונדן הויפּטזעכלעך מיטן באַקאַנטן פילאָזאָפישן ראָמאַן "דער נאַיווער" (קאַנדיד). די פיר אויסגערעכנטע ענציקלאָפּעדיסטן פילאָזאָפן זענען אלס שרייבער כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ גאַנצער ליטעראַרישער עפּאָכע. די שרייבער פון "יארהונדערט פון די ליכטער" זענען נישט אלע מאָל געווען גרויסע קינסטלער, זיי זענען געווען מער פילאָזאָפן ווי קינסטלער, נאָוואַטאָרן, רעפאָרמאַטאָרן, שאַפער פון נייע ווערטן, פון נייע ריכטונגען, פון הומאניסטישן געדאנק.

די פראַנצויזישע ענציקלאָפּעדיסטן פון 18־טן יאָרהונדערט זענען געווען שטורמער, זיי האָבן צוגעגרייט גייסטיק די מענטשן צו שטורעמען די באַסטיליע, אַלע באַסטיליעס; זיי האָבן אויסגעפּלאַסטערט אַ וועג פאַרן פרייען געדאַנק, געהאָלפן אַראָפּנעמען די פאַרבאָטן אין דער ליטעראטור, אין דער קונסט און באַהויכט זיי מיט הומאניטאַריזם. זיי

**חיים פלאָטקין** / ניו—יאָרק

# לידער

## אָן שטערן די נאַכט

עס קעניגט דער שטורעם:
ווי אַ צעפאָכעטע שווערד
די האַלבנאַקעטע צווייגן
ווי דעם בוימס קאָפּ געבויגן
מיט אַ יסורים—ניגון —
פלינק זיך וויגן.

די גאַס איז פוסט —
אַ שמאָלער טייך מיט אָן אַ שיעור קאַרבן.
דער מבול האָט נאָך די גבורה נישט פאַרלוירן.
אין אַ העמד פון טינט
די שאָטנס פאַרבן
פאַלמעסט דער ווינט.

פון הינטער צעריסענע וואָלקנס
באַווייזט זיך די לבנה
און מיט אָטעם פון שרעק
לויפט שנעל צוריק.
אָן שטערן די נאַכט,
ווי אַ יונגע אלמנה
אויף אַן איינזאַמען וועג —
מיט אַ מרה—שחורהדיק בליק.

## גאָט וועט בלייבן

א.

ס'האָט די לבנה זיך פאַרזיכערט ביינאַכט
נישט פאַרבלאָנדזשעט צו ווערן.
די וואָלקנס, ווי טויערן אויפגעמאַכט,
מיט שומרים געטרייע, די שטערן.

---

האָבן געגעבן דעם געבורט פון דעם, וואָס מען רופט אין פראַנקרייך מיטן דערהויבענעם נאָמען "דער פראַנצויזישער געדאנק". וואָס האָט צו יענער צייט באַשטראַלט די לענדער פון אייראָפּע.

היינט, העכער צוויי הונדערט יאָר נאָכדעם, ווי זיי האָבן פאַרענדיקט זייער גיגאַנטיש ווערק, קאָן מען נאָך פיל לערנען פון די פראַנצויזישע ענציקלאָפּעדיסטן.

אין הימל אירע שומרים וויפל איז פאַראַן?
די זון אפשר בכוח זיי ציילן;
זיי מעסטן ווי די טראָפּנס פון ים,
אַ גרעסערע וועלט וועט גאָט דאַרפן פאַר די מיילן.

ב.

תמיד די לבנה קומט אַליין
אויף די רוימישע וועגן פריי שפּאַצירן.
מיין מאַמע פלעגט זאָגן: „יעדע נשמה איז ריין
וואָס האָט נישט מיט וועמען אַ קריג צו פירן".

די באַקרוינטע מלכה געזעגנט זיך מיט דער נאַכט,
דער זוניקער מלך גייט טאָגן.
אויב חלילה זיי וועלן זיך פאַרמעסטן אין מאַכט —
גאָט וועט בלייבן קדיש זאָגן.

## דער חשבון

איך וועל מער נישט פרעגן:
גאָט איז שוין מיד צו הערן
די טענות —
די צעגליטע שטראָמען טרערן.

פון זיין גלויביק פאַרמעג,
זעקס מיליאָן גריבער איז געבליבן.
דער חשבון וועט בלייבן —
אויף אייביק פאַרשריבן.


מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים
בעטן מיר אַלעמען זיך צו ווענדן צו אונדזער פינאַנץ סעקרעטאַר:

G. FRYDMAN

"HESHBON" — G. FRYDMAN, *Fin. Secretary*

337½ No. Hayworth Ave. • Los Angeles, Calif. 90048

Phone: 655-1292

פאַרוואַלטונג „חשבון"

**יוסף ראָגעל** / מאָנטרעאַל

# לידער

## אין חלום

אין חלום בלויז זע איך מיין טויטע מאַמע
זוכן אירע פאַרשוווּנדענע קינדער.
איך זע ווי זי וואָגלט אַרום
איבער ווייטע, פרעמדע וועגן.
ווען נאָר זי טרעפט
טוט זי אויף אירע קינדער פרעגן...
און איך?
אין שמאַטעס געוויקלט שמאַכט אין לאַגער,
אַזוי טאָג אויס, טאָג איין.
אָפט מאָל זיץ איך אויף אַ שטיין
און וויין אויס מיין גורל צו זיך אַליין...
אָט דערזע איך אַ בלאַט
פון אַ פאַרפוילט הייפּטל קרויט;
גיריק שלינג איך עס איין,
ווי פריש געבאַקן ברויט.
איך פיל:
נאָך אַ טאָג,
נאָך אַ שעה
און פאַרשווינדן וועט מיין געביין,
און — שוין מער נישט זיין...

— — — — — — —

אין חלום בלויז זע איך מיין טויטע מאַמע
זוכן אירע פאַרשוווּנדענע קינדער.

(פון: ווידוי פון אַן אוישוויץ=נומער)

## כ'האָב מיין מאַמעס קבר געזען

כ'האָב מיין מאַמעס קבר געזען
ערגעץ ווו
ווו קיינער גייט נישט פאַרביי.
האָב איך ביים קבר קדיש געזאָגט,
ווי אַ זון וואָס איז געטריי.
ס'האָבן אים נאָר די שטיינער געהערט,
וואָס זיינען געווען דאַביי...

# כ׳האָב אַ גאַנצע נאַכט געטראַכט

כ׳האָב אַ גאַנצע נאַכט געטראַכט
וועגן שורות צו אַ ליד,
וואָס יעדער זאָל פאַרשטיין
און — נישט געקאָנט דערגיין.

מיינע טעג זיינען פול מיט זאָרגן.
אַ טרויעריקער גאַסט איז יעדער מאָרגן.
די זון קומט נישט צו מיר,
ווי צו אַ שונא ווייכט זי אויס מיין טיר.

ווייט אין וואַלד
בליעןביימער אין דער זון,
און אַלע מענטשן וויסן דערפון...
נאָר מיין היים איז אַ וויסט געצעלט.
סיידן גאָט זאָל בייטן
דעם סדר פון דער וועלט.

# שוין חדשים

שוין חדשים בין איך דאָ.
די שרעק, די מורא
גיט מיר נישט קיין רו.
פון מיין צימער פירט מען קראַנקע
אַריין, אַרויס.
ווי לאַנג איך וועל דאָ זיין
קען איך נישט דערגיין.

דער שכן לעבן מיר
איז טאָג און נאַכט אין בעט.
קיינער ווייסט נישט וואָס ער רעדט.
זיין פנים, בלייך ווי די וואַנט.
עס שרעקט מיך זיין פאַרקריפלטע האַנט.
ווי אַ מתנה שענק איך אים מיין ליד,
אויסגעוויינט אין טרערן, אָן אַ שיעור,
וואָס איז ווי אַ קינד טייער ביי מיר.

אין דרויסן איז אַלץ צעבליט, צעהעלט.
דאָ וויין איך אויס
מיין ווידוי צו דער וועלט.

(פון דער סעריע: טרערן פון שפּיטאָל).

שיע טענענבוים / ניו-יאָרק

# אַ שטילער לויטערער פרינץ

## (אַן אָוונט מיט ישראל שטערן)

עס איז געווען אין די ניינצן צוואַנציקער יאָרן. אין דער צייט ווען די טייערע יידישע יוגנט אין די פּוילישע שטעטלעך האָט געלעכצט נאָך דעם מינדלעכן וואָרט פון אַ שרייבער, אַ פּאָעט, נאָך איינעם פון די מאָדערנע שריפטשטעלערס אין וואַרשע וואָס מאַכן וואָרט — געשיכטע. אין די ״ליטעראַרישע בלעטער״ איז געווען אַ רשימה פון ״פּרעלעגענטן״ וואָס זענען גרייט געווען צו קומען צו דער ״נאַיווער פּראָווינץ״. אַ צאָל פון די ליטעראַרישע מענטשן פון וואַרשע האָבן באַזוכט אונדזער שטעטל פּילעווו. איך געדענק דעם טונקל — האָריקן, שוויגנדיקן און מרה שחורהדיקן פּאָעט ישראל שטערן וואָס האָט נאָך זיין אומפּאַרגעסלעכן רעפעראַט אין זאַל פון ״האָפּמאַנס קינאָ״ פאַרבראַכט אַ שבתצונאַכטס ביי שלמה שיינבערגן אין הויז וואָס איז געווען נישט ווייט פון דער ווייסל.

עס איז גראָד געווען אַ הייסער שבתדיקער טאָג אין שטעטל. די געסלעך זענען געווען אויסגעליידיקט. די גאַנצע פּילעווער יוגנט איז אַוועק זיך באָדן אין דער ווייסל אָדער ביי דער ״דריטער בודקע״, אין אַ פּערלדיק קלאָר טייכל. אַהין איז מען געגאַנגען דורך אַ געדיכטן וואַלד, אין וועלכן ס׳האָבן זיך אויפגעהאַלטן די האַרציקע פייגל מיט זייערע היימישע טענער וואָס האָבן גערופן צו ליבשאַפט. איך אַליין בין דעמאָלט אַלט געווען אַרום פערצן אָדער פופצן יאָר. איך האָב געטראָגן אַ ווייס העמדל ווי יוליוש סלאָוואצקי, און איך האָב אויך געפיבערט אַזוי ווי יענער אין פּאַריז ביי דער סען. איך האָב שוין דעמאָלט געאַרבעט אין שלמה שיינבערגס זעצעריי, וווּ איך האָב אַ פּאַרכישופטער געלייענט די לידער פון לייב ניידוס, זיי אויסזעצנדיק פאַרן גרויסן באַנד ״ליריק״. ווען אַלע אַרבעטער זענען נאָך דער אַרבעט אַ היים געגאַנגען, האָב איך נישט פאַרלאָזן די זעצעריי, נייערט בגנבה איבערגעבליבן אַליין, כדי צו לייענען די לידער פון לייב ניידוס וואָס האָבן מיך געהאַט פאַרכישופט מיט זייער ליריק און מוזיק. צווישן די בלעטלעך פונעם גרויסן באַנד פּאָעזיע האָב איך געפונען אַ ליד ״טרערן״ געשריבן מיט דער האַנט פון לייב ניידוסן. איך האָב דאָס ליד געקושט...

אין יענעם שבתדיקן נאָך מיטאָג איז געהאַט אָנגעקומען פון וואַשע דער דיכטער ישראל שטערן וועמענס לידער ״פרילינג אין שפּיטאָל״ איך האָב שוין געהאַט געלייענט אינעם מאַסיוון זאַמלבוך פון וואַרשעווער ליטעראַטן — פאַריין. אַרום פאַרנאַכט איז אויף דער בינע, אינעם זאַל פונעם איינציקן שטעטלדיקן קינאָ — טעאַטער, וואָס האָט אַגב געהערט צום דייטש האָפּמאַן, וועלכער האָט אויסבאַהאַלטן יידן בעתן חורבן, געשטאַנען אַ מיטלוווּקסיקער מאַן וואָס האָט גערעדט יידיש ווי מוזיק. יאָ, ער האָט גערעדט און געאָטעמט מיט דיכטונג. די טעמע פון זיין רעפעראַט איז געווען וועגן יצחק לייבוש פּרץ. אָבער וואָס איז דער חילוק מיט וואָס פאַר אַ טעמע ער האָט געהאַלטן געשפּאַנט אַ פּולן זאַל מיט יידן הונגעריקע נאָך קולטור און גייסט? ער האָט רעפערירט גאַנץ שטיל און קוים וואָס מען האָט געהערט, אָבער מיט עפּעס אַן אינערלעכער און געצוימטער פייערלעכקייט. מיט אַ לשון וואָס איז געווען פאַרטיק — געשליפענער עסיי און וואָס אַ זעצער וואָלט גלייך געקאָנט נעמען זעצן פאַר אַ גייסטרייכן בוך מיט עסייען. מיט טיפן וויסן און גרויס ערודיציע, אָבער נאָך מער מיט ליבשאַפט און פאַרליבטקייט אין זיין ״העלד״, האָט ישראל שטערן אַרויסגעבראַכט די שיינקייט און קינסטלערישע גרויסקייט פון פּרצן — דער עיקר אין ״די גאָלדענע קייט״, בײַנאַכט אויפן אַלטן מאַרק״

און "פאַלקסטימלעכע געשיכטן". מען האָט געקענט זען אַז ער גליט ממש מיט פאַרערונג צום מייסטער וואָס ווערט געבוירן און געלייטערט אין אים. פּרץ האָט פון אים אָנגעהויבן ארויסצולייכטן מיט אַ באַזונדערן נאָבעלן ליכט. פּרצעס זשעני האָט אים געטראָפן אין האַרצן ווי דער בליץ טרעפט דעם בוים אין אַן אימהדיקער נאַכט. אָבער דער בליץ האָט נישט צעבראָכן דעם שטאַם פון בוים, נייערט ער האָט אים בלויז אָנגערירט מיט זיינע שפּיצנפייער פינגער; ער האָט אים בלויז אָנגעצונדן און געמאַכט צום לויכטן און ער איז מיט זיינע צווייגן ווי מיט די רערן פון אַ בראָנזענער מנורה געוואַקסן אין הימל אַריין...

גערעדט האָט דער דיכטער הויפּטזאַכלעך וועגן פּרצעס "פאַלקסטימלעכע געשיכטן". אָבער ער האָט געצויגן פּאַראַלעלן צווישן פּרץ און דאָסטאָיעווסקי; צווישן פּרץ און וויספּיאַנסקי; צווישן פּרץ און דער גאַנצער גרויסער וועלט — ליטעראַטור. די פּאַראַלעלן אַליין זענען געווען רעפעראַטן פאַר זיך. פּרץ איז דאָ אייגנטלעך געווען דער גרויסער אויסרייד, אָבער אויך דער גרויסער עיקר. עס איז דאָך אויך געווען די צייט פון דעם "רעוויזיאָניזם" איבער דעם "רבין": משה גראָס אין ווין; זישע לאַנדוי אין ניו — יאָרק; דוד פרישמאַן — נאָך בעת פּרץ האָט געלעבט. אָבער אויך די צייט ווען פּרץ איז אויפגעשטיגן איבערן יידישן ליטעראַרישן האָריזאָנט ווי אַן אומגעווײנלעכער ליכטיקער שטערן וואָס האָט פאַרכאַפּט דעם גאַנצן יידישן ליטיקן הימל. און עס איז אויך געווען ווען ישראל שטערן האָט מיט זיין באַלויכטנדיקן רעפעראַט שטרענג געענטפערט די אַלע מכלומרשטע רעוויזיאָניסטן.

איך געדענק איצט בלויז דעם אַריינפיר, די "אָוווערטורע" צו זיין רעפעראַט, ווי צו אַ ראָמאַנטישער אָפּערע. שטערן האָט די גרויסע שעפער פאַרגליכן צו פאַרשיידענע טעג, צו פאַרשיידענע מינים וועטערן און קלימאַטן. איין שריפטשטעלער שיינט צו זיין געוועבט פון לויטער זון און ער באַלייכט די גאַנצע וועלט מיט זיין ליכט. אַ צווייטער שעפער איז איינגעהילט אין דער גרויקייט פון אַ וואָלקנדיקן וועטער וועמענס טריבער הימל שפּרייט אומעט און איינזאַמקייט. אַ דריטער דיכטער דאַוונט זיך ביחידות; ער איז ווי אַ בין — השמשות, פול מיט דער לעצטער אויפשטראַלונג פון זון אונטערגאַנג. אַ פערטער פּאָעט איז ווי אַ רואיקער און שטילער פאַרנאַכט וואָס שמעקט מיט דער שטילקייט און היימישקייט פונעם פאַרבאָרגענעם, פונעם געטלעכן. אַ פינפטער פלאַמט מיטן אויפזשאַרנדיקן מאָרגנרויט וואָס פאַרכאַפּט אַזאַ ברייטן פּענעץ הימל. אַ זעקסטער איז ווי אַ טונקעלע נאַכט אָן דעם מינדסטן פּיצל טרייסט און האָפענונג אויף זיין אומהיימלעכן האָריזאָנט. יעדער איינציקער גאון איז ווי דאָס וועטער פון אַ באַזונדערן טאָג און נאַכט. די וועטערן פונעם מעת — לעת זענען אָפּט אין גאַנצן אַנדערש און פאַרשיידן אין געמיט, שטימונג און קאָליר. אַזוי איז יעדער מייסטער אַרייגעראָטן אינעם וועלט — וועטער, מיט זיין אייגנאַרטיקן כאַראַקטער, מיט זיין איינציקאַרטיקער כוונה, ציל און צוגאַנג צו דער וועלט. דאָס אַלץ איז אפשר נישט געווען אַזוי ניי און אָריגינעל, מען האָט שוין דאָס געזאָגט פריער. אָבער ניי איז יאָ געווען ישראל שטערנס דערשיינונג. זיין וואָרט און שטימונג. ער אַליין איז געווען די לעצטע שעה פון שבתדיקן פאַרנאַכט ווען יידן וואַרטן אויפן אַרויסקומען פון די גרויסע דריי שטערן אויפן הימל.

אַ פּאָר שעה צייט האָט ישראל שטערן אַזוי גערעדט און דער עולם אין זאַל האָט זיך נייגיריק צוגעהערט ווי צו אַ וויאָלין — שפּילער און זיין איידעלן סטראַדיוואַריוס. דאָס איז נישט געווען דווקא קיין "טאַלאַנטפּולער" רעפעראַט מיט עפעקטיווע פראַזן און זשעסטיקולאַציעס, נייערט אַ שטיל און פייערלעך געבעט, וואָס בליט אַרויס אין אוונט — שעה פון אַ צעלויכטענעם געמיט, פון אַ פרום האַרץ. עס איז געווען אינטים ווי

אַ ליריש ליד, און עס האָט פאַרמאָגט די קרישטאָלענע ריינקייט, דעם רעליגיעזן פּאַטאָס פון אַ תּפילה. זיין לשון איז געווען באַשיידן, אָבער גענוג קערנדיק און געדאַנקענרייך ווי זיין געלייטערטע פּראָזע, זיין טיף פּאַרטראַכטער עסיי, און אויך אַזוי ווי זיין גאַנץ געשטאַלט: אויסערלעך גרוי, קאַלט און רעזערווירט; אינערלעך פאַרמרהשחורהט, איינזאַם, שווייגנדיק. ער האָט דערמאָנט אין די באַשיידענע מיסטיקערס פון אַלטע צייטן. עס איז געווען אין אים די גייסטיקע רייכקייט פון אַן אינטעלעקטועלער און פרומער פּערזענלעכקייט וואָס האָט דורך דער גאַנצער צייט געהאַלטן אין שפּאַנונג אַ זאַל מיט יידן, באַזונדערס די יוגנט, וועמענס עקזיסטענץ ער האָט כמעט ווי נישט געפילט, ווייל ער האָט גערעדט טיף פון זיין אינערלעכקייט, און ווי זיינע רייד וואָלטן געווען געווענדט נישט דווקא צום דאָזיקן פּובליקום, נייערט ערגעץ אין די טיפערע רוימען, אפשר צו נשמות און גייסטער פון פריערדיקע דורות.

אין זאַל איז דורך דער גאַנצער צייט געווען טונקל, מען האָט שוין אין דער בין — השמשותדיקער טונקלקייט קוים געהאַט אָנגעזען דאָס אַלץ מער מיסטעריעז געוואָרענע געשטאַלט פונעם דיכטער, וואָס האָט געשטראַלט ווי אַ הייליקער. אָבער ווען עס האָט זיך פּלוצלינג געעפנט ביי דער בינע אַ זייטיקע טיר, האָט אַ דיקער שטראָם מיט פלייסנדיקן בראָנז אַ פּליי געטאָן איבערן פּאָעט וואָס איז אגב געווען, ווי מען האָט גערעדט צווישן שרייבער, אָרעם ווי די נאַכט. ערשט איצט האָט מען קלאָרער געקאָנט זען ישראל שטערנס ערנסט און בלייך פּנים פאַרשאָטנט מיט פּעכיק — שוואַרצע האָר ווי קויל. דורך דער גאַנצער איבעריקער צייט פון זיין "וואָרטוואַזישן" (יעקב גלאַטשטיינס אַן אויסדרוק) רעפעראַט איז מען שוין געווען געצוווּנגען צו קוקן ממש מיט וווּנדער אויפן דאָזיקן מערקווירדיקן און פּאָעטישן געשטאַלט וואָס איז געווען ווי פאַרגילדערט פון דער זון בשעת שקיעה — צייט אין אַ פּאַרק פון וועמענס ליכט אַ סטאַטוע האָט אויך אָפּגעלויכטן מיט גאָלד. נישט בלויז אַ פיזיש — לעבעדיקער מענטש, נייערט אַ לויכטנדיקער גייסט איז איצט געשטאַנען אויף דער בינע. דער דיכטער איז געווען אָנגעצונדן ווי אַ פייער אין אַ מאָלעריי פון רעמבראַנד — זייט מיר מוחל פאַר דעם אַזוי פיל מאָל גענוצטן פאַרגלייך. עס איז געווען ווי פּרץ וואָלט פון הימל אַרויס אים אָנגעטאָן אין דעם דאָזיקן הימלישן ליכט. איבער זיין טונקעלן קאָפּ האָט אויסגעזען ווי אַ מלאך וואָלט געהאַלטן אַ פינקלענדיקע קרוין — די גרויסע קרוין פון גייסט און געדאַנק.

ציפּה, די פרוי פון שלמה שיינבערג, אַ בלייכע און שלאַנקע אַזוי ווי די טאָכטער פון אַ צפתער קבליסט, האָט זיך מיט אַ מין תּפילהדיקייט און פּאָרטיקייט געפּאָרעט אין אָוונט, נאָכן רעפעראַט, אַרום דעם פּאָעט, האָבנדיק אים איינגעלאַדן אַ היים. זי האָט ביי אים געזוכט יענע אויפמערקזאַמקייט וואָס אַ פרוי פון פיזישן רייץ און גראַטנקייט זוכט תּמיד ביים מאַן פון גייסט און אינטעלעקט. זי האָט מיט אירע שניי — ווייסע, אַלבאַסטערדיק — דינע הענט, ווי די הענט פון לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשיס מאָנאַ ליזאַ וואָס האָט ביים מאָלן זי קיין מאָל קיין שמייכל נישט געטאָן, און דער מאָלער האָט געדונגען אַן אָרקעסטער כדי זי פריילעכער צו מאַכן מיט זייערע שפּיל — אינסטרומענטן — געגלעט און געצערטלט דעם דיכטערס טונקעלע און זיידענע טשופּרינע וואָס איז געפאַלן איבער שטערנס ציגיינעריש שוואַרצע אויגן. זי האָט פאַר אים געשטעלט אַ דין פּסחדיק ווייַן — בעכערל מיט אַ פּלעשל רויטלעכן ווישניאַק. זי האָט אויך אין דעם זיס אָנגעצוקערטן גלעזל טיי אַריינגעטאָן דאָס דינע רעפטעלע מיטן גלאַנציקן ציטרין.

איך געדענק דווקא אויסגעצייכנט די דאָזיקע סצענע ווי אין אַ טעאַטער אויף אַ בינע, וווּ עס ווערט געשפּילט אַ קלאַסישע דראַמע. ציפּה האָט אין יענעם אָוונט אָנגעטאָן דאָס שענסטע קלייד וואָס זי האָט פאַרמאָגט אין איר היפּשער גאַרדעראָבע. זי האָט אַריינגעשטעלט פרישע רויזן אין איר קאָפּ מיט שאַטינענע האָר. זי האָט זיך אויסגעצירט

אין איר יידישלעך אַלטפּרענקיש צירונג וואָס זי האָט געקראָגן אלס דרשה — געשאַנק צו איר חתונה מיט שיינבערגן דעם איבערזעצער פון טאָלסטאָיס ריזן — ווערק "מלחמה און שלום" פון אירע גבירישע טאַטע — מאַמע, פון קרובים. זי האָט אָפּגעוואַשן בלוי — טויאיקע פלוימען און זיי געשטעלט פאַרן דיכטער אין אַ בעכער פון אַלטן זילבער. זי האָט אויך געצוואָגן רויטע קאַרשן און זיי פאַר אים געשטעלט אויף אַ געגילדערטן טעלער. זי האָט געלייגט פאַרגעלטע און צייטיקע באַרנעס אויף אַ ברייטן טאַץ. זי האָט זיך געדרייט אַרום אים מיט עפּעס אַ געפּיל פון רעליגיעזער עקזאַלטאַציע. זי האָט גלייכצייטיק דערמאָנט אין דער רייצנדיקער און זינדיקער טאַיס — די העלדין פון אַנאַטאָל פראַנסעס פּאָפּולערן ראמאן — וואָס האָט חשק געהאַט פאַרברענט צו ווערן אין פאַנפּנוטיוסעס הייליקייט און נזירות. אָבער דער דיכטער האָט די גאַנצע צייט נישט אַרויסגערעדט קיין איינציק וואָרט. ער האָט אַפילו נישט אומגעדרייט דעם קאָפּ כדי זי אָנצוקוקן אין איר פּרוואַישער שיינקייט. די נאַכטישע טשופּרינע זיינע האָט ווי אַ מלאכס פליגל איינגעראַמט זיין ערנסט, פאַרקלערט פּנים און דעם געדאַנקענרייכן שטערן אין עפּעס אַ כמאַרע פון אומעט. אַפילו צווישן די דאָזיקע היימישע מענטשן, אין דער אַטמאָספער פון ליבשאַפט און באַוווּנדערונג צו אים, וואָס איז נאָר מעגלעך געווען אין דער שטוב פון אַ יידיש פּראָווינציאַנעלן שטעטל, איז ער געווען איינגעהילט אין עפּעס א גייסטיקער איינזאַמקייט. ער איז, ווייזט אויס, יעדן מאָמענט פון זיין לעבן געווען דורכויס דיכטער, מיסטיקער, דענקער און בעל — חלומות. ער איז געווען שטיל און געשוויגן אין דער טיפעניש פון זיין גייסט. נישט ישראל שטערן איז דאָ געזעסן, נייערט ר'שלמה איבן גבירול איז דאָ געזעסן ביים שיינגעדעקטן און יידישלעכן טיש, געצירט מיט אַלעם גוטן און מיט הויכע זילבערנע לייכטער — ווייל ציפּה איז געווען די טאָכטער פון די האַלבערשטאַטס, רומרייכע וואַלד — סוחרים.

עס איז געווען פאַר די אַרומיקע מענטשן, פאַר די איינגעלאַדענע געסט, שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי אַ פּאָעט ווערט דאָך נישט באַהערשט פון די לאַסקעס און דער אויפמערקזאַמקייט פון אַזאַ זעלטענער, רייצנדיקער פרוי ווי ציפּה, וואָס האָט זיך געפּאָרעט אַרום אים מיט דער ראָמאַנטישער באַנעמונג און ממש פאַרליבטקייט פון דער צאַרטער האַלב וואַנזיניקער אָפעליא. דיכטער האָבן דאָך אין אַלע צייטן אויפגעציטערט פון דער אָנוועזנדיקייט און צערטלעכקייט פון אַ שיינער און גראַציעזער פרוי, ווי די ביימער און בלומען ציטערן אויף אין דעם זוניקן באַגינען ביים באַריר פון דער אויפגייענדיקער זון.

איך האָב צום פּאָעט וואַרשע געבראַכט עטלעכע קאַיעטן מיט מיינע ערשטע לידער צום לייענען און צום זאָגן מבינות. איינע פון די פּאָעמען מיינע איז געווען אַ סאָרט אַטעיסטישער, בייראָניסטישער פּראָטעסט צו גאָט, וואָס איז אודאי געווען אַ רעזולטאַט פון מיין אָנלייענען זיך און ווערן באַווירקט פון דער דעמאָלט פּאָפּולערער פּאָעזיע פון דער כאַליאַסטרע — גרופּע, באַזונדערס פון פּרץ מאַרקישעס "די קופּע". אפשר אויך פון לאָרד בייראָנס דראַמאַטישן ווערק "קין". שטערן האָט שפּעט ביינאַכט, ווען איך בין אַ היים געגאַנגען און איבערגעלאָזט די קאַיעטן אין שיינבערגס הויז, אונטערגעשטראָכן יענע שטעלן וואָס זענען אים געפעלן, כאָטש ער אַליין איז אין זיין געניאַלער שאַפונג דווקא נישט געווען קיין בונטאַר און אַטעיסט. דערביי האָט דער שוייגנדיקער דיכטער געזאָגט ביינאַכט צו ציפּהן: "ער קען ווערן אַ צווייטער פּרץ". (איך באַדויער וואָס די פיינע נבואה איז נישט פּינקטלעך מקיום געוואָרן...). איך פאַרשטיי היינט, אַזוי פיל יאָרן שפּעטער, אַז איך האָב צו דעם גאָט־שיכרן און געלייטערטן לירקער געדאַרפט ברענגען לידער פון אַ מער אידילישן אָדער לירישן זשאַנער, נישט דווקא קיין

פראָטעסט — פּאָעמע קעגן דעם רבונו של עולם. אגב בין איך אויך מיט יאָרן שפּעטער געוווער געוואָרן וואָס אזוינס פּרץ האָט געמיינט צו ישראל שטערן, און אַז דערמאָנענדיק דווקא פּרצס נאָמען אין פאַרבינדונג מיט מיינע אָרעמע און שלעכטע לידער פון אַן אָנפאַנגער, איז דאָס מצד דעם גרויסן דיכטער געווען אַ זכיה... עס איז געווען ווי ער וואָלט מיר דעמאָלט געהאַט געשאָנקען אַ גרויס שטיק גאָלד.

און איך געדענק אויך: ווען ישראל שטערן האָט געלייענט אין דער נאַכט די ברייטע בלעטער פון מיין מאַנוסקריפּט מיט לידער, פאַרטונקלטע שוין דעמאָלט מיט מיינע גרויסע אותיות, ווי מיט דיקע טראָפּנס טינט, האָט זיך מיר געדאַכט אַז איך זע דר. פאַוסט וועגן וועמען איך האָב שוין געלייענט, זיצן אַ פאַרטראַכטן איבער אַ געהיימנישפולן קבלה — ספר.

איך חזר איבער: עס איז ביים שבתצונאַכטסדיקן טיש וואָס איז געווען געדעקט מיט אַ גרויסאַרטיק און גביריש טישטוך נאָך פונעם הויז פון ציפּהס עלטערן, די וואלד סוחרים האַלבערשטאַט, און אויף וועלכן עס זענען געשטאַנען די הויכע זילבערנע לייכטער און די פון זיידעס און באָבעס געירשנטע גאָלד — בעכערלעך, מיט דער קאַראַפינקע פינקלענדיקן ווישניאַק וואָס ציפּה האָט געשטעלט, ווי אַן אויסדרוק פון איר פערזענלעכער פאַרערונג צום דיכטער, געזעסן איינער אַ ייד מיט אַן אָרעאָל פון אָנגעצונדענע שטראַלן אַרום זיין קאָפּ.

די יידישע ליטעראַטור אין פּוילן איז געווען איין גרויסער און הערלעכער תהלים. אירע מחברים האָבן געלויכטן ווי פרומע און האַרציקע שטערן אויפן יידישן הימל. אירע שעפער פון ליד, פון ראָמאַן, פון דערציילונג און דראַמע זענען געווען הייליק אָנגעצונדן. עס וואָלט זיך וועלן באַזונדערס לייענען די לידער און ליטעראַטור — קריטיק פון ישראל שטערן. אָבער ווו קאָן מען היינט צו טאָג געפינען זיינע ווערק? ישראל שטערן לייכט באַשיידן און ערלעך ווי אַ שטיל חלבדיק ליכט אין אַן אייזערנעם לייכטער, שפּעט ביינאַכט אין דעם שטעטלס ביב מדרש, איבער אַ ברייטן טיש אונטערן נידעריקן פּולאָפּ, מיט שוואַלבן — נעסטן אין די ווינקלען, ווו עס זיצן יידן און בחורים און זיי לערנען תורה פון ברייטע געלע ספרים, פון טיפע גמראס, פון אַלטע ש"סן, וואָס ברענען און לייכטן ווי פאַספאַר.

אין אָנהייב פון יאָר 1939, עטלעכע חדשים פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט מלחמה, שרייבט צו מיר אין אַ בריוו פון ווארשע מיין קוזין, דער שרייבער משה גראָסמאַן: "איך באַגעגן דאָ אַמאָל ישראל שטערן. ער זעט אויס זייער אָרעם און טרויעריק. דער מענטש פאַרנאַכלעסיקט זיך. דו ווייסט דאָך: אונדזערע איידעלע פּרינצן ווערן פאַרזען..."

ישראל שטערן איז נאָכן חורבן פון גרויסן פּוילישן יידנטום אַריין אין דעם פּאַנטעאָן פון אונדזערע קדושים. ער האָט אויסגעהויכט, ווי מען דערציילט, זיין איידעלע נשמה ערגעץ אין דער געטאָ, נעבן אַ בית — המדרש. ער, וואָס האָט זיך איינגעהילט אינעם טלית פון גאָטס בלויען הימל און האָט זיך אַזאַ איינזאַמער און טרויעריקער, אזוי ווי אַ פרעמדער אורח, אַרומגעדרייט אויף דער חתונה פון לעבן, איז אויסגעגאַנגען אין שטאָלץ, געדולדיקייט און דערהויבנקייט ווי איינער פון די צדיקים פון די עשרה הרוגי מלכות. אין לעבן, ווי שוין געזאָגט, אַ ביטערער אביון, האָט די לעגענדע אים אַריינגעשטעלט אין דעם פייער און גאָלד פון דער יידישער מאַרטירער — געשיכטע. ווי אַן אייביק אָנגעצונדן ליכט, אַ נר תמיד, לייכט ער אין איינער פון די בראָנזענע רערן פון דער גרויסער יידישער מנורה אין דער מאַרטירערישער יידישער היסטאָריע.

**חנן קיעל / ניו־יאָרק**

## צעקאָסעטע טרוימען

אויף דער פּוילישער מאַפּע פון יידיש גערייד
צייטיקן שוין די וויינפּערלעך, אַרבעס—שויטן און פלוימען,
זומער—לידער ווילדע גרינען אויף די פענצטער;
יעדער טאָג שטאַרנדיק פאַרגייט צופיסנס קרומע
פוילנדיקע צוימען,
אין שכחה—נעפל בליען אונדזערע טרוימען.

אויף שמאָלע געסלעך און ליקן
דלית—פּייגל בעטלען קרישקעס צוגעוואָרפענע גליקן;
טימע—בעטלער, דזשאַדעס גרימפּלען שוין
אויף זייערע אָפּגעבליאַקעוועטע פידלען,
אַז פּרצעס אַלטער מאַרק וועט מער נישט רידערן
נישט יידלען.

אויף דער פּוילישער מאַפּע פון יידיש גערייד
שיפן זיך אַוועק פון זכרון
מיינע בלוי—אָפּגעחלומטע נעכט און טעג;
הינטערן שטאָט פאַליען זיך דאָרפישע
קאָרנפעלדער און לאַנען

אויף דער פּוילישער מאַפּע פון יידיש גערייד
מיינע צעקאָסעטע טרוימען וויאַנען.

## טשענסטאָכאָוו

טשענסטאָכאָוו, די טריבע וויג פון מיינע עלטער—זיידעס,
דער מאַיאָוּוער בעז, צעבאַלעוועטע יאָרן יונגע,
חדר—יינגלעך האָבן אָדעס דיר געזונגען,
ווי כ׳האָב דיך ליב געהאַט די וואַרטע איז מיין עדות.

פון אַלע וואָגל—סטאַנציעס — דיר הייסע בריוו געשריבן
פאַר דיין געזונט געציטערט — קיין בייז אויג זאָל נישט פאַרשאַטן,
נאָר ווי אַ פאַלשע חברטע האָסטו מיך פאַראַטן,
אַ בית עולם פון זכרונות איז פון דיר געבליבן.

פאַרגולמט שטאַרט די פלומפּ אין פוסטן אַלטן מאַרק;
אין לבנה—נעכט מיר האָבן אויפגעהערט זיך דרייען
געאָרעמטע מיט מיידלעך אויף די יחסנישע אַלייען,
מיין ליבשאַפט וואַלגערט זיך אין דיין פוילן בלעטערוואַרג.

טשענסטאָכאָוו, מיין גורל נעסט צעפליקט פון שוואַרצע ראָבן
אויפן גוטן אָרט ליגט מיין בענקעניש באַגראָבן.

# ווען צײַט איז אָפּגעווישט

אין אָוונטיקן דעמער ציט מײַן וואַנדלדיקער שאָטן
אַ שלאָפֿנדיקער פֿענטאָם קלעזמערט פֿאַרן הוילן ווינט
אויפֿן פּוסטן הויף וואַלגערט זיך די פֿידל מיט די נאָטן,
און דער ניגון פֿון פֿאַרצערטן הויזגעזינד.

אין פֿלאַמיק—רויטן שקיעה פֿאַס, ווען צײַט איז אָפּגעווישט,
קנוילן זיך אין חלל אונדזערע סאָנעטן מידע,
כ'בין דער שטילסטער אורח בײַם טאַטנס שבתדיקן טיש
מיט מײַנע ברידער דרײַ און פֿרומעטל, די בת יחידה.

און אַלע, אַלע אייניקלעך די בענקענדיקע טויבן,
מיר זײַנען געסט געלאַדענע צום קידושדיקן טרוים;
די מאַמע ווישט אָוועק דעם טרויער פֿון די שויבן
אין פֿענצטער גרינט אַרײַן מײַן זיידנס באַרנבוים.

אין מעריב—ראַנד מײַן טאַטנס שבת איז שוין לאַנג פֿאַרבײַ
און איך זוך נאָך אַלץ זײַנע בלאַסע שטערן דרײַ.

ישראל גובקין

## צוויי עלעגיעס

(לעאָן גאָלדבערג לזכּרון)

### מײַנע חברימס יאָרן

ווער קוקט עס אויף מיר
פֿון שפּיגל?
—מײַנע חברימס יאָרן.
ווײ, וואָס פֿון זײ איז געוואָרן!
אויסגערונען אומגעריכט,
אַזוי גיך;
און איך ווייס ניט:
זאָל איך אָבלען אויף די גאַסן,
אָדער טרערן בלחש
פֿאַר זיך.

### די זון, אַ צעפּלאַמטע

די פֿאַלמעס, פֿאַרגעלטע,
קוקן טרוקן, פֿאַרשטאַרט.
ווער האָט זײ
און אונדז דאָ
אַרײַנגענאַרט?
אין אויפֿשטײַג פֿון גרינען,
פֿון ווערן,
אין ריס פֿון ניט זײַן;
און זע:
די זון, אַ צעפּלאַמטע,
רײַסט זיך שוין ווידער
אַרײַן...

עקיבא פישבין / פּאַריז

# מאַרקעל — דער מאָלער פון שטיל־לעבן

וואַרפט מען אַ בליק אויף א יצירה פון באַקאַנטן פּאַריזער קינסטלער, יעקב מאַרקעל, ווערט קלאָר, אַז ער איז ווייט נישט קיין חסיד פון אונזער היינט־צייטיקייט. ער האַלט, אַז אין דער מענטשלעכער סביבה היינט פעלט דער פונק פון גאָט; דער בן — אדם ווערט איינגעוויגט פון מיראַזשן, ער זינקט אין דער בלאָטע פון אַ באַנאַלן, ביליקן לעבן און פילט אַפילו נישט, ווי אים עקט זיך די וועלט. גייט דעריבער אונזער קינסטלער זיין אַליינינקן וועג — אין לעבן און אין דער קונסט.

שוין לאַנג, ווי יעקב מאַרקעל האָט זיך געגעט מיט אַלע "איזמען"; שוין לאַנג, ווי ער גלויבט נישט, אַז אָט — אָט קומט משיח און דער בן — אדם וועט ווערן אַ מענטש. עפּעס זעט ער, אַז נאָך איידער מען דערלאַנגט צו דער פרייהייט, האַמערט מען שוין די קייטן פאַר מיטבאַפרייער און די קינפטיקע באַפרייטע. אין זיינע יונגע יאָרן, פאַרן מבול, האָט ער שטיין געהאַט פאַר די אויגן דאָס בילד, וואָס זכריה הנביא טוט ברענגען — והיה לעת ערב יהיה אור (און אין אָוונט וועט ווערן ליכטיק) — דעמאָלט פלעגט ער פאַרציען אַ האָפנונגס — ניגון, זינגען אַ הללויה צו די פרימאָרגנס פון ליכט, וואָס וועלן מיט מזל אַמאָל געדייען און מאָלן בילדער אין אַ קאָנסטרוקטיוון אַבסטראַקטן נוסח, גלייך ווי ער וואָלט אין דמיון שלעסער געבויט פאַרן מענטש פון באחרית הימים.

מאַרקעל האָט צו מיר אין אַ שמועס אַמאָל געזאָגט אַזוי: — קונסט האָט ער געלערנט אין די אַקאַדעמיעס פון קראָקע און פּאַריז, דעם אוניווערסיטעט געמאַכט האָט ער אין אוישוויץ! דאָרט האָט ער געלערנט די מסחתא לעבן! געזעען ווי דער מענטש איז געניזקט געוואָרן! ווי ביים לעגענדאַרן איקאַר, האָבן זיך די פליגל ביים מענטש אָפּגעטאָן, און ער איז אַראָפּגעפאַלן, דער בחיר היצירה, פון די הימלען אין שאול — תחתיה אַריין! אין אוישוויץ — גהינום, וווּ מען האָט פאַרשעמט און פאַרשוועכט דעם צלם — אלוהים, און בסוף אים אינגאַנצן אומגעברענגט — דאָרט איז יעקב מאַרקעל געוואָרן אַ שטיק אפּיקורס אין דעם באַשעפעניש, וואָס מען רופט — בן אדם. אוודאי האָט ער אויך געזען דאָרט גבורה און אַפילו קדושה! — האָט אָבער די טריאומפירנדיקע העסלעכקייט פון מענטש, וואָס האָט אין אַ חיה — רעה זיך פאַרוואַנדלט, געלאָזט ביי אונזער קינסטלער שניטן אין זיין לייב, און ראַנען אין זיין נשמה.

ווען אַ געראַטעוועטער על פי נס האָט זיך מאַרקעל צוריק געקערט קיין פּאַריז, האָט ער זיך באַרעכנט, אַז מער שוין וועט ער שלעסער אין די לופטן נישט בויען. האָט געמעגט די גאַס פון קונסט נאָך אוישוויץ ליאַרעמען און טומלען, אַלע טאָג אַן אַנדערן "איזם" געמעגט צוטראַכטן, ער האָט זיך אויף דעם אַלעם נישט אומגעקוקט. ער האָט זיך געלאָזט מיטן טראַקט פון דער פיגוראַטיווער מאָלעריי אין קלאַסיש — רעאַליסטישן באַנעם. זשעדנע נאָך אַביסל גייסטיקע היגיענע און עמאָציאָנעלע אויסלעבונג, האָט ער פון די סאַמע שפלדיקע און הכנעדיקע אָביעקטן גענומען בויען שטיל — לעבנס, געמאָלן פּאָרטרעטן און פייזאַזשן. ער האָט מיט דער האַנט אויפן האַרץ געזוכט דעם געטלעכן פונק; דאָס דאָזיקע איז פאַר אים איצט געוואָרן אַ גייסטיק קינסטלערישער געברויך.

קינדווייז, אין דער היים, האָט מען מאַרקעלן געבאָוועט אויף אַ געשטעלטן עליקסיר פון אַמשינאָווער און ווורקער חסידות; מען האָט אַריינגעברענגט אין אים דעם טייטש פון פסוק, וואָס ברענגט דער "תולדות יעקב — יוסף", דער געטרייער תלמיד פון הייליקן בעש"ט, אַז "אין יעדער גשמיות איז פאַראַן הייליקע נצוצות." (ציטירט לפי אביעזר בורשטין). אים איז דאָס אפּנים געגאַנגען אין קאָפּ אריין, ווייל די "הייליקע ניצוצות", זייט ער האָט זיך גענומען צום פיגוראַטיוון מאָלעריי, זוכט ער דווקא אין די סאַמע

פשוטע זאַכן פון אַלטעגלעכן מענטשלעכן געברויך. עפּעס ציט אים ווי אַ מאגנעס צום טשייניק אויפן אָרעמען פּרימוס מאַשינקעלע, צום דאָרפישן ברויט מיטן מעסער, צו דער ערדענער קריג מיטן וואַסער, צום פּרימיטיוון מכשיר צו שטויסן קאַווע א.א. ענלעכע פּראָסטע קעגנשטאַנדן פון אָרעמען אָבער געזונטן לעבן פון מענטש. מיט זיי פירט ער אַ דיאַלאָג זיין גאַנץ לעבן און זיי האָט ער געמאַכט פאַר די העלדן פון זיינע שטיל — לעבנס.

וואָס אייגנטלעך איז אַ "שטיל — לעבן", וואָס מען רופט אויך — "נאַטור — מאָרט"? בסך — הכל איז דאָס אַ פּלאַסטישע קאָמפּאָזיציע פון אַ פאַרשידענעם סאָרט אָביעקטן, וואָס פאַרמאָגן אַ נישט לעבעדיקע עקזיסטענץ. די מעשה איז אָבער, וואָס אַ קאָמפּאָזיציע פון אַזעלכע טויטע אָביעקטן קען אַמאָל זיין אַ שטיל, גאָר לעבעדיק לעבן, און אַמאָל טאַקע נישט מער בלויז, ווי אַ טויטע נאַטור. נעמט, למשל, די האָלענדער פון 17 — טן י.ה. די וואָס האָבן מחבר געווען די באַציכנונג "שטיל — לעבן"; זיי זענען געווען גרויסע אויסטויגערס אויף דעם געביט. זיי האָבן געשאַפן וואונדערלעכע ווערק פון אַ ווירטואָזן כאַראַקטער, אַ פּערפעקטע, פיינע מאָלעריי, אַ דעקאָראַטיווע אויף צו באַשיינען די ווענט פון די האָלענדישע רייכע היימען. פאַר די ווערק פּאַסט גראָד דער באַגריף "נאַטור — מאָרט", ווייל ס'איז אין זיי נישט בנימצא קיין ברעקל "מעסאַזש". נעמט אָבער די ווערק פון "נאַטר — מאָרט" פון דעם פראַנצויזישן מייסטער, זשאַן באַטיסט שאַרדען (1779 — 1699); זיינע בילדער זענען שוין אמתע שטילע לעבנס. פאַרוואָס? ווייל די טויטע באַנאַלע זאַכן פון אָרעמען לעבן, וואָס ער האָט געמאָלן, האָט ער מחייה — מתים געווען! ער האָט אין זיי די גלאָריע פון שיינהייט אַנדעקט און אויף זיי אַ קרוין פון שיינענדיקן גאָלד אַרויפגעזעצט. דער אָ מייסטער האָט געלערנט: — "מיט פאַרב און פענדזל טאַקע באַנוצט מען זיך, אָבער מאָלן, מאָלט מען מיט געפיל". האָט דאָס געפיל געקירעוועט זיין פענדזל, אַז פון א קאָמפּאָזיציע טויטע זאַכן זאָל אַ צאַפּלדיק לעבן, אַ שטילס, אַרויסגעכישופט ווערן!

יעקב מאַרקעל, דער בעל־הממשיך פון דער קלאַסישער טראַדיציע, טוט באַטראַכטן דעם מייסטער שאַרדען פאַר זיינעם א רבי און מורה־דרך. איז מאָלעריי טאַקע פאַר אים נישט קיין קלינג־קלאַנג פון פאַרבן און אוודאי וואודאי נישט אַ געיעג נאָך פאָרמאַליזם. מאָלעריי פאַר אים איז אַן עבודת הקודש. אין זיין ווערק וויל ער זאָל מען הערן דעם געקלאַפּ פון דופק; דעם שלאָג פון האַרץ — פון זיין אייגן האַרץ! דערפאַר טוט מאָלן זיין שטיל־לעבן אַ סודותדיקע עקזיסטענץ פון שטילע, שטומע צונגען. אויב האָט איר אַן אויער, וואָס קען הערן, וועט איר דאָרט אויפכאַפּן אַן ערלעך קול אַ תפילהדיקס, וואָס זינגט אַ מזמור־שיר וועגן אַ געמאַטערטן קיום אין דער וועלט פון פריידן און ליידן.

פאַראַן קינסטלער, רייסן זיי דעם צושויער אַוועק פון דער מאַמע־ערד און פאַרטראָגן אים אין אין פאַרכישופטן אוניווערס פון פאַנטאַזיע. מיט מאַרקעלן איז די מעשה אַנדערש. אויך ער, אמת, טוט דעם צושויער אַ ריס; ער רייסט אים אָפּ פון די פינקלדיקע, אויפגעבלאָזענע מיראַזשן פון אונזער היינטצייטיקייט און פירט אים גראָד צוריק צו אַלעמענס אַלטער, גוטער מאַמע־ערד. גאַנצע זשמעניעס שוואַרץ־ערד פּעטע טוט מאַרקעל אונטערטראָגן דעם מענטש: — נאַ! — זאָגט ער אים — פאַרזוך דעם זיסן טעם פון אַ ווערדיקן לעבן! דווקא פון די וואָכעדיקע קעגנשטאַנדן, וואָס צוליב זייער באַנאַלער טאָג טעגלעכקייט טוט אונזער אויג אויף זיי מער קיין אַכט נישט לייגן, פון זיי בויט דער קינסטלער זיין אוניווערס, אויף זיי וואַרפט ער זיין קינסטלערישן רעפלעקטאָר און לענקט אונזער אויפמערק צו אַ נייעם פאַרטראַכט.

לאָמיר לדוגמא אַ קוק טאָן, וואָס טוט זיך אויף מאַרקעלס אַ שטיל — לעבן. אָט, שטייט פאַר אייך אַ פּראָסטער טיש. צוריק מיט אַ רגע, איז דאָס דאַרפישע ברויט מיט אַ מעסער, וואָס אויפן טיש — ברעטל, געלעגן איינגעוויקלט אינעם ווייסן בליאַנקעדיקן טוך. איז געקומען די האַנט פון אַ מענטש, אָפּגעדעקט דאָס טוך, אָפּגעשניטן אַ לייטישע מוצא ברויט און אַוועקגעלייגט צו פאַרבייסן אַ ציבעלע מיט אַ קנאָבל דערנעבן. דאָ האַלט ביי אַ מאָלצייט. פון אונטער דעם האַלב — אָפּגעדעקטן גרויסן ברויט, וואָס ליגט צעלייגט אַזוי גדלותדיק אויפן טיש — ברעטל, גלייך אַ מלך אויפן טראָן, שטייט רעכטס אַן אַלטער בלעכערנער טשייניק אויף אַ פּרימוס — מאַשינקעלע, און לינקס — אַ פּויעריש געפלאָכטענער קויש אָנגעלייגט שפּאָר, ביז אַרויף, מיט גרינסן.

אָט, איז מאַרקעלס אַ שטיל — לעבן געבויט פון די באמת סאַמע באַשיידענע אָביעקטן, וואָרים וואָס קען שוין זיין פשוטער, ווי אַ דאָרפיש ברויט, אָדער אַן אלטער טשייניק מיט אַ פּרימוס? דאָ, הייסט עס, שימערירט נישט דער גלאַנץ פון קאָסטבאַרן זייד און סאַמעט, דאָ צוויבערט נישט דער פלאַקער פון פאַרבן, דאָ טומלט נישט די פאַרויסנקייט. דער רעש פון גדלות און שטאָלץ איז דאָ נישט בנימצא. גאָר פאַרקערט. מאַרקעל זוכט דווקא דאָס עניוותדיקע, דאָס צניעותדיקע, ווייל אין שטאָלץ און אין גאווה איז קיין ברעקל "הייליקע ניצוצות" נישטאָ. פונעם הבל — הבלים׳ דיקן שטאָלץ טוט די קדושה אַנטלויפן, ווי פאַר פייער.

אָבער אויך אין עניוות איז פאַראַן גלאַנץ אָן אַ שיער און צויבער. אדרבא, פאַרגינט אייך צו געבן נאָך אַ בליק אויפן בילד; זעט נאָר, די ברכהדיקע פרימאָרגן ליכט, ווי זי שמעקט אַריין איצט דאָ אין צימער, און די מעשים וואָס זי באַוויזט! קודם, האָט די וויברירנדע ליכט באַפּריילעכט די גראָע וואַנט און זי אין אַ מוסלין אַרטיקן פויערהאַנג פאַרוואַנדלט. און איצט, דער אָרעמער טשייניק נעבעך... ער איז דאָך עפּעס גאָר אַן אנדער "מענטש" געוואָרן! ער איז פון גראָ געוואָרן בלאָ! ווי מאַנגערס אָרעמער ייד, להבדיל, פון זיין באַלאַדע. וועט איר פרעגן, ווי אַזוי איז דאָס געשען? גאַנץ פשוט. די פרימאָרגנדיקע ליכט וואָס האָט אַריינגעשאַרט זיך אין צימער האָט טאַקע אַ גלעט געטאָן יעדן אָביעקט באַזונדער. אָבער אין דעם בלעכערנעם טשייניק האָט זיך די ליכט עפּעס פאַרליבט ביז איבער די אויערן! זי האָט אים באַוואָרפן מיט פייערדיקע קושן, אַז די קאָליר אין דעם טשייניקס מראה האָט זיך גענומען אזש בלאָען... דער אָרעמער טשייניק האָט אויפגעלעבט, און פאַר גרויס שמחה זיך צעפינקלט, ווי אַ געשליפענער דימענט. אַפילו דאָס נעבעכדיקע פּרימוסל — איר זאָלט עס אָנקוקן — האָט גענומען קוועלן מיט בליצן.

יאָ, מאַרקעל איז נישט קיין חסיד פון דעם ווירטואָזן פאַרבן געקלאַנג. ער האַלט, אַז אַ פשוטער גראָ איז ביכולת אַמאָל זיך אויסצוווירקן עמאָציאָנעלער, ווי די קולות וברקים פון שרייענדיקע פאַרבן. איז מיט די מיטלען פון אַ געצוימטער פאַרביקייט, אַ קאָנטראַפּונקטועלע, אָנגעשפּאַרט בלויז אויף אַ קאַרגע צאָל קאָליר — גאַמעס אין כראָמאַטישן קרעשענדאָ, באַשאַפט מאַרקעל אַ יום — טוב שטימונג. אָט, טאַקע נעמט דעם טיש וואָס ער האָט געגרייט צום באַשיידענעם טעגלעכן מאָלצייט; קומט צו מאַכן איבער אים אַ יום — טוב׳דיקן שהחיינו. אין דער פּיקטוראַלער מיזאַנסצען פון דאָזיקן שטיל — לעבן הערשט אַ יום — טוב׳ דקייט, ווי אינעם טיש להבדיל צום סדר של פסח.

מאַרקעלס אַ קאָמפּאָזיציע איז אויסגעבויט, ווי מיט דער שטרענגער האַנט פון אַרכיקעקט. יעדער פּרט איז אויסגערעכנט און שטייט אויף דעם ריכטיקן פּלאַץ. נישטאָ קיין איבעריקע עלעמענטן, וואָס פּלאָנטערן זיך אונטער די פיס. איז טאַקע צו באַמערקן ווען מאַרקעל טוט גרייטן אַ טיש צו אַ מאָלצייט, איז דער הויפּט — מחותן דאָרט אויף דער שמחה שטענדיק! אַ פרישע אויסגעבאַקן דאָרפיש ברויט, ד.ה. די לחמא עניא וואָס

דער מענטש פון ערלעכער מי טוט מיט די אויסגעפּראַצעוועטע הענט צום טיש ברענגען. דער ברויט — עלעמענט איז אין מאַרקעלס שטיל — לעבן דער טאָנאַלער אַקאָרד פון דער קאָמפּאָזיציאָנעלער האַרמאָניע. דער קינסטלער טוט זינגען אַ הללויה צום מענטש פון מי און ערלעכער פּראַצע ; אַ הללויה זינגט ער צום פּשוטן און געזונטן לעבן אויף דער ערד.

פאַראַן אין דעם סטיל — אַרט פון מאַרקעלס שטיל — לעבן עפּעס אַ פונק פון פּראָוואָקאַציע, אַן אַרויסרופערישער קלאַנג שרייט אַרויס פון דאָרט. דאָס איז די שטילע מרידה קעגן זינלאָזן פאַרשמייעטן לעבן פון אונזער צייט.

דער שאַרם און דער כוח פון מאַרקעלס שאַפונג שטעקט אין רעאַליסטישן סטיל וואָס איז כולו ראָמאַנטישער הומאַניזם. דער קינסטלער איז מזווג לאָגיק מיט געפילן ; מוח איז ער משדך מיט וואַרעמען האַרץ ! ווי אַ רעאַליסט פון קלאַסישן באַנעם, מאָלט ער זיינע אָביעקטן פּרעציז און פילבאַר. קודם, זוכט ער פון זיינע אָביעקטן די ״הויט״ צו דערלאַנגען, שפּעטער נעמט ער גרייכן צו דער נשמה ; ווי אַ מאַגישער רעאליסט טוט מאַרקעל אין זיינע ״העלדן״ דעם רוח — הקודש אַריינאָטעמען.

באַטראכט מען די רואיקע ״העלדן״ פון מאַרקעלס שטיל — לעבנס, ווי ער טוט געדולדיק זיי אַנאַליזירן ; באַטראַכט מען זייער פעסטן געבוי, ווי עקיליברירט זיי זענען צונויפגעשטעלט, מיט וועלכן האַרמאָנישן ריטעם פאַרבונדן, גלייך אַ שמועס זיי וואָלטן צווישן זיך געפירט, איז דען צו גלויבן, אַז דער באַשאַפער זייערער איז אַ קינסטלער פון אַנגסט און אומרו, פון ספיקות און שטימונגס — אויסברוכן ? און ביי דעם אַלעם א בעל — יצירה פון אַ קינסטלערישער התלהבות. פון אַלע זיינע יאָרן גייט אָן מארקעל אַ לעבן פון געראַנגל. דער לייכטער אָפּאָרטוניזם איז עפּעס נישט צוגעפּאסט צו זיין געמיט. און וואָס שייך זיין יצירה — וועג, איז דאָס על אחת כמה וכמה אַ וויכער — געראַנגל אָן א סוף. פאַרן אַדעקוואַטן קינסטלערישן אויסדרוק צאָלט ער אַ טייערן פּרייז, מיט געשפּאַנטע טעג און אויסמאַטערנדיקע אָפּטמאָל שלאָפלאָזע נעכט. איז ער דאָך, מיט זיינע שטיל — לעבנס באַזירט אויף באַנאַלע אלטעגלעכע קעגנשטאַנדן, וואָס קומען אַרויס ביי אים אַזוי סוגעסטיוו, אַזוי שטיל און מיסטעריעז, אויסן אַ דיאַלאָג איינצושטעלן מיטן מענטש פון אונזער צייט. ער וויל זיך אויסטענהן, אַוועקרייסן דעם מענטש פון די גרויס — שטאָטישע מיראַזשן און אים דערנענטערן צו אַן אנדער אַרט לעבן, צו אַ לעבן פון פּשטות, פון ערלעכער מי, צו אַ לעבן פון תורה ועבודה, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן !.

אין מאַרקעלס אַ בילד גיט אַ טיאָכקע דער קול דממה דקה פון מענטשלעכקייט וואס שוועבט אַרום דאָרט, און וואָס קירעוועט זיך אַ וועג צו אונזערע געפילן. זיין ווערק איז מגלה אַ הומאַנעם אָנשטרענג צו טראַנספאָרמירן דעם מענטש. די קלאָרקייט און פּשטות פון זיין פאָרעם, זיין שלייפן אָן אויפהער די לירישע קאָנסטרוקציע דאָס איז דאָך פאַקטיש אַ מיטל צו באַהויפטן, אַז ס'איז דאָ אַ סדר אויף גאָטס וועלט ! אַרויס די פאַלדן פון זיין יצירה שטראָמט צו אונז אַ שטימע, איז זי צאַרט, ווי ״דער אָטעם פון שטילקייט״. דאָס איז די שטימע פון אַ מענטש מיט אַ נשמה, די שטימע פון ליבע און האָפנונג.

* * *

דער ייד, מאַרסעל מאַרסאָ, דער מייסטער פון שטילן מימישן טעאַטער, האָט דאָ נישט לאַנג דערקלערט אין אַ שמועס, אַז ״אויך דער אָטעם פון שטילקייט איז ביכולת צו זינגען אַ ניגון וועגן דער טראַנספאָרמאַציע פון מענטש.

**הינדע זאַרעצקי / ניו־יאָרק**

# לידער

## פאַר מיינע מידע אויגן

### א

איך זוך אין מיין זכרון
דאָס לויטערע ליכט פון נעכטן
אין ווונדער קוק איך אויף מיינע פינגער
וואָס האָבן געגלעט די טאָוולען
פון דער מאַמעס תחינה
פון דער מאַמעס צאינה וראינה.

אין אייפער
אָפּגעצייכנט דעם אלף — בית
זיך געקוויקט
מיט דער ברכה מודה אני
אין אייפער געלייענט:
מעשה׳ס פון נעכטן.
מעשה׳ס פון ליכטיקע שבטים.

### ב

פון שטעטל
אין ריזן שטאָט מאַנהעטן
אין געייל — —
יאָגן, איבעריאָגן צייט!

געזען שיינקייט אין מוזייען.
סעזאַנס גראניט שטיין
ביים טויער פון חלום...
מיקל אַנדושעלאָס יצירה
זיין הערלעכע סטאַטוע
מ ש ה
געזען מענטשן
אין אַטלאַס, אין זייד,
מענטשן אין שמאַטע — קליידער
ביי גרויסע וועגענער וואַרטן
אויף אַ פּענעץ ברויט!
עמפּייערסטייט בנין שטייט
פ אַ ר ש ע מ ט

## רעגן טראָפּנס

רעגן טראָפּנס —
טריפן מעלאָדיעס
טראָפּ נאָך טראָפּ
צום נייגיר
פון אויער
הער איך
פּיסעלעך דיבען:
ב ע ט ה אָ ו ו ע נ ס
״ט ע ר ק י ש מ אַ ר ש״
רעגן טראָפּנס איבער מיין שירעם
רעגן טראָפּנס איבער מיין קאָפּ.
הער איך דיבען
הירשן — פּיסעלעך
דיבען, דיבען, דיבען.

רעגן טראָפּנס
דערפרייען
שטיל אין פליסן
פאַלן אויף
בוים בלום
אין פאַרביקן דופט —
ש ע פ ע
פון הימל און ערד.

## צום אייגענעם קוואל

צוועלף זיינען זיי געווען
כ׳האָב זיי שוין לאַנג גערעכנט צווישן
פאַרלוידענע יידישע קינדער,
נאָר זייערע פאַרבענקטע הערצער
האָבן דערפילט די טוכלע לופט
אין טאָל פון שקר, שימל, תומה.

זיינען זיי מידע מיט אָרפּגעלאָזטע פליגל
קוים. קוים אַרויף דעם באַרג
דערפרישט געוואָרן אַרום דאָס עכטע ליכט.
אַרום דעם אַראָמאַט פון ריינער לופט
פון איינגעזאַפּטן סם זיך באַפרייט
געברויזט האָבן זיי פון פרייד, תפילה
שטראָמענדיק — צום אייגענעם קוואַל.

**משה עטינגער** / ניו־יאָרק

# לידער

## מיט אַ געזאַנג

שירה אַ געזאַנג צו ניו־יאָרק
די שטאָט פון מיליאָנען מענטשן
מיליאָנען פאַרבן,
עס איז גוט אין דיר צו לעבן
אַפילו אויך צו שטאַרבן.
אַלצדינג דיינס איז גיגאַנטיש און שיין:
די וואָלקנקראַצערס וואָס שפּיצן זיך צום הימל
די אונטערבאַנען וואָס שלינגען דיין טומל —
דעם האַריאַפּ, צו אַרבעט און האַנדל
די געוועלבער מיט די מציאותדיקע גליקן,
דיינע טייכן און דיינע בריקן,
די עוועניוס און דיינע גאַסן
די שפּילפּלעצער, פּליאַזשעס און פּאַרקן,
קונסטגאַלעריעס מוזייען ביבליאָטעקן
מיט שפע מוכן ומזומן
די איינוווינער פון אַלע ראַסן צו באַדינען
שוואַרצע, ברוינע, ווייסע,
די קאַלטבלוטיקע און די הייסע.

ניו־יאָרק גרויסשטאָט מיינע!
מיט יידישער וועלטלעכקייט
מיט שמחות פון כשר־גלאַט,
מיט חסידות פון באָבאָוו און חב״ד
ביסטו במינו חד:
האָסט איינגעהאַרצט אין זיך מיין ליכטיקן נעכטן
זינג איך דיר שירה, זינג איך דיר שירה!

## כ׳וועל אַריינשרייבן

ויהי — —
ס׳איז געווען
אַז שוין אין די אַלטע טעג
איז דער יידישער וואָרטוועג
געפלאַסטערט געווען
מיט דעם עמכדיקן טראַף
פון מאַמעלשונדיקן באַשאַף.

ויהיה — —
וועט זיין
אַז ווידער וועט אויפגיין
דער טראָפּשיין
און אָנטאָן דעם וואָרטוועג
די דורותדיקע קרוין,
וועל איך אויפוויקלען
אונדזער אייביקע יריעה
און דעם מאַמעלשונדיקן נאָמען
אַריינשרייבן
אין דעם וואָרטוועגס דברי הימים.

יצחק קאַהאַן / מעלבורן

## וואַלטער בענדזשאַמין — דער דייטש=יידישער שרייבער

די אומגעזעצטיקטע געטין פאַמאַ האָט פאַרשיידענע פּנימער און מאָסן — פון אַ מאָמענטאַלער באַרימטקייט ביז צו אַן אייביק, אָדער לאַנג=דויערנדיקער. דער דייטש=יידישער שרייבער וואַלטער בענדזשאַמין איז געווען באַקאַנט פון די ליטעראַרישע אויסגאַבעס, אָבער נישט באַרימט אלס שרייבער.

ווען היטלער האָט פאַרכאַפּט די מאַכט, האָט ער עמיגרירט און אויסגעקליבן זיין אייגענעם טויט אין די פינצטערע צייטן פון יאָר 1940.

אַ 15 יאָר נאָך זיין טויט איז דערשינען אַן אויסגאַבע אין צוויי בענדער וואָס נעמען אַרום זיינע שאַפונגס=יאָרן אין דייטשלאַנד. דורך אָט דער אויסגאַבע איז וואַלטער בענדזשאַמין געוואָרן אַ באַרימטער נאָמען. ער איז צוריק לעבעדיק געוואָרן אין 1957. עס איז געשען מיט אים דער נס, וואָס ער האָט נישט זוכה געווען ביים לעבן. עס איז גוט באַוווּסט. ציצעראָס זאָג "אויב זיי וואָלטן מנצח געווען ביים לעבן די וואָס האָבן געוווּנען נצחון נאָך זייער טויט" ווי אַנדערש וואָלט דאָך מסתמא אויסגע זען זייער לעבן.

באַרימטקייט נאָכן טויט, שרייבט האַנאַ אַרענדט, מיינט נישט אַז די וועלט איז געווען בלינד, אָדער די מיליע איז געווען קאָרומפּירט. לאו=דווקא איז עס אויך נישט פאַרבונדן, ווי א ביטערע באַלוינונג פאר די, וואָס זענען געקומען פאַר זייער צייט. וואָס איז דען געשען מיט פראַנץ קאַפקאַ? בעת ער איז אין 1924 געשטאָרבן זיינע ביכער נאָך פאַרקויפט געוואָרן צו אַ פאַר הונדערט עקזעמפּליאַרן, הגם זיינע ליטעראַרישע פריינד, און די וואָס האָבן געהאַט געלייענט זייע קורצע פּראָ זע — פראַגמעטן (זיינע ראָמאַנען זענען נאָך נישט געווען פאַרעפנטלעכט), האָבן נישט געהאַט קיין ספק, אַז ער איז איינער פון די מייסטערס פון דער מאָדערנער פּראָזע.

וואַלטער בענדזשאַמין האַט אַזאַ אָנערקענונג נאָך געקראָגן פריער, און לאַו — דווקא ביי די וואָס זענען נאָך דאַן געווען אומבאַקאַנט צו דערמאַנען בלויז אַזעלכע פּראָמינענטע נעמען ווי זיין יוגנט=פריינד גרשון שלום און אויך טעאָדאָר וויזענגרונד און אַדאָרנאָ — זיין ערשטער און איינציקער תלמיד. צוזאַמען האָבן זיי נאָך זיין טויט אַרויסגעגעבן די אויסגאַבע פון זיינע ווערק און בריוו. ממש אינסטינקטיוו האָט תיכף הוגאָ פאָן האַפּמאַנסטאַהל (וואָס האָט פאַרעפנטלעכט בענדזשאַמינס עסיי וועגן געטע), איינגעזען אַז באַרימטקייט איז אַ סאָציאַלער פענאָמען ("פאַר באַרימטקייט איז נישט גענוג איינער" — סענעקאַ). מיר ווייסן אַז אַ סך האָבן געפּרוּווט שרייבן ווי קאַפקאַ און זענען דורכגעפאַלן, מחמת ער איז געווען אוניקאַל (ווי עס איז שלום עליכם געוון אין דער יידישער ליטעראַטור). אגב איז בענדזשאַמין געווען דער ערשטער וואָס האָט איבערגעזעצט (צוזאַמען מיט פראַנץ העסעל פון מאַרסעל פּרוסט אין דייטש. ער האָט געטראַכט פּאָעטיש, שרייבט אַרענדט, הגם ער איז נישט געווען קיין פּאָעט און נישט קיין פילאָזאָף. אָבער ער האָט געהאַט אַ גרויסע ערודיציע, נישט זייענדיק קיין געלערנטער, אויך נישט קיין פילאָלאָג. ער גופא האָט זיך באַטראַכט פאַר אַ ליטעראַטור=קריטיקער.

גרשון שלום האָט אין אַ פּאָר שיינע בריוו צו זיין יוגנט=פריינד, אים באַצייכנט "דער איינציקער עכטער קריטיקער פון דער דייטשער ליטעראַטור". דזשאַק ריוויער האָט געהאַט געשריבן וועגן מאַרסעל פּרוסט: "ער איז געשטאָרבן מיט דער זעלבער אומדערפאַרנקייט וואָס האָט אים דערמעגלעכט צו שרייבן זיינע ווערק. ער איז געשטאָרבן פון איגנאָראַנץ... מחמת ער האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי אָנצינדן אַ פייער אָדער עפענען אַ פענצטער".

אין 1940 איז בענדזשאַמין געלאָפן זיך ראַטעווען אין אַ געפערלעכן פונקט פאַר דער אַרמיי, און דעם 26=טן סעפטעמבער, ביים האַלטן צו עמיגרירן קיין אַמעריקע, איז ער ביים פראַנצויזיש=שפּאַנישן גרענעץ באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. די סיבות וואָס האָבן אים געצוווּנגען עס צו טאָן זענען געווען פאַרשידענע. די געשטאַפּאָ האָט קאָנפיסקירט זיין פּאַריזער אַפּאַרטמענט מיט זיין ביבליאָטעק פון וועלכער ער האָט די וויכטיקסטע העלפט אַרויסגעראַטעוועט פון דייטשלאַנד; אויך אַ סך פון זיינע מאַנוסקריפּטן. ווי אַזוי האָט ער געקענט לעבן אָן אַ ביבליאטעק, ווי אַזוי האָט ער געקענט פאַרדינען אויף פּרנסה אָן זיין ברייטער קאָלעקציע ציטאַטן און אויסצוגן פון זיינע מאַנוסקריפּטן? מחוץ זה, האָט עס אים נישט געצויגן קיין אַמעריקע צו זיין דער "לעצטער" אייראָפּעער. אָבער בעיקר האָט מען אין עמיגראַנטישע קרייזן גערעדט, אַז נאָכן וואָפנשטילשטאַנד מיט היטלערן וועט מען פון פראַנקרייך צוריקשיקן קיין דייטשלאַנד די פּליטים, בעיקר די פּאָליטישע קעגנערס (דאָ טוט אַרענדט באַמערקן אַז אין דער גרעסטער סכנה זענען גראָד געווען די נישט פּאָליטישע יידן).

האַנאַ אַרענדט האָט אין איר אָפּהאַנדלונג וועגן וואָלטער בענדזשאַמין אַריינגעפלאָכטן אַ סך אַפּאָריזמען פון בענדזשאַמינס בריוו. פון געטעס פעדער: "בטחון איז אַדורך איבער זייערע קעפּ פונקט ווי אַ שטערן פאַלט אַראָפּ פון הימל" אָדער בענדזשאמין וועגן קאַפקאַ: "פאַרשטיין קאַפקאַס שאַפונגען, ציט אריין צווישן אַנדערע זאַכן, די פשוטע אָנערקענונג אַז ער איז געווען אַ דורכפאַל".

אין לעבן טרעפן זיך אָפט צונויף סיבות וואָס זענען גורם דעפּרעסיווע געמיט=צושטאַנדן. בענדזשאַמין האָט געלעבט מיט אַ האַרץ=פעלער און ביים אָנקום צו דער שפּאַניש=פראַנצויזישער גרענעץ איז ער פיזיש און פּסיכיש געווען דערשעפּט ביזן דנאָ. צו דעם האָט די קליינע גרופּע פּליטים מיט וועלכער ער איז געקומען, געהערט אַ קלאַנג, אַז די גרענעץ איז געשלאָסן געוואָרן פונקט דעם טאָג און די פּליטים וועלן דאַרפן זיך אומקערן קיין פראַנקרייך מיטן זעלבן וועג ווי זיי זענען געקומען. די קלאַנגען האָבן געהאַט אויף אים אַזאַ ווירקונג אַז ער האָט די זעלבע נאַכט זיך גענומען דאָס לעבן. כאַראַקטעריסטיש: זיין זעלבסמאָרד האָט אויף דער גרענעץ=וואַך געמאַכט אַזאַ דערשיטערונג, אַז זיי האָבן דערלויבט די גרופּע צו מאַרשירן ווייטער קיין פּאָרטוגאַל. (אַ ציטאַטע פון בענדזשאַמינס שריפטן וועגן קאַפקאַס טאָגבוך פאַרצייכנט, 19=טער אָקטאָבער, 1921: "אין מיין קינדהייט, שרייבט קאַפקאַ, בין איך געווען אַ געפאַנגענער פונעם אַלטן און נייעם מערב. אין די דאָזיקע טעג האָט מיין משפּחה פאַרמאָגט צוויי זאַכן מיט אַ צוגאַנג פון אַ געמיש פון זעלבסטזיכערקייט און עקשנות. דאָס האָט זיי פאַרוואַנדלט אין אַ געטאָ. די עקשנות איז געווען זייער יידישקייט. ס׳ איז געווען די איינציקע עקשנות אין וועלכער זיי האָבן זיך געקלאַמערט. די זעלבסטזיכערקייט איז געווען אינספּירירט דורך זייער פּאָזיציע אין דער נישט=יידישער סביבה, אין וועלכער זיי האָבן דאָך נאָך אַלעמען גאָר אַ סך דערגרייכט.

אויף וויפל עס איז באַשטאַנען זייער דערגרייכונג האָט מען אַרויסגעזען ווען מען האָט פאַרבעטן געסט און ביי אַזעלכע אָקאַזיעס איז דער קרעדענץ געווען אין צענטער פון דער שטוב ביים אַרויסשטעלן און גרויסן זיך מיטן זילבערוואַרג געשיר — לעפל, גאָפּל, מעסערס מיט זייערע פאַרשידענע פונקציעס, האָבנדיק מורא אַז די דערוואַרטע געסט קענען אויסזען אַלע גלייך, פּונקט ווי אונדזער געשירוואַרג". (פון בענדזשאַמינס שריפטן): יעדעס קינד האָט געוווּסט אַז עפּעס איז דאָ נישט אין אָרדענונג, און נישט דערפאַר וואָס עס זענען אויך געווען אָרעמע מענטשן (ביי די רייכע קינדער פון פראַנצס עלטער זענען זיי געווען די שנאָרערס). עס איז געווען אַ גרויסער פאָרשריט אין זיין

פאַרשטיין צום ערשטן מאָל, אַז אַרעמקייט איז צוליב שלעכט באַצאָלטע באַשעפטיקונגען.

צוליב דער ״עקשנות״ און ״זעלבסצוטרוי״ האָט מען ערשט געשאַפן די אַטמאָספער פון אומזיכערקייט און זיך=באַוווּסטזיין, וואָס איז געווען צומווינציקסטן צוגעפּאַסט צו דערציִען קינדער. מיט א סך מי האָט קאַפקאַ געזוכט צו איבערצייגן זיין שוועסטער אָפּצוגעבן איר צעניאָריקן זון אין אַ ״באָאַרדינג=שול״. נאר אַ זוי אַרום וועט ער פאַרהיט ווערן ״פון דער ספּעציעלער מענטאַליטעט וואָס איז גענערט געוואָרן צווישן די רייכע פּראָגער יידן פון וועלכער מען קען נישט פאַרהיטן די קינדער... פון דער דאָזיקער קליינלעכער מיאוסער מענטאַליטעט״(פון קאַפקאַס בריוו).

זינט די יאָרן 1870 — 1880 איז די א״ג יידישע פּראָגע געווען אַ ממשותדיקע אין צענטראַל איראָפּע און זי האָט אָנגעהאַלטן יאָרצנדליקער. קודם איז זי נוגע דער יידישער אינטעליגענץ, אָבער געווען בכלל אָן באַטייט פאַר דעם רוב מנין פון צענטראַל=איראָפּעישן יידנטום. אַרענדט טוט באַטאָנען אַז ווי אומוויכטיק אָט די פּראָגע זאָל נישט זיין נאָכן האַלאָקאָסט, אָבער אין דעם קאָנטעקסט, קען מען עס נישט איגנאָרירן. מחמת בענדזשאַמין, קאַפקא אַדער קאַרל קראַוז געהערן צו אָט דעם קאָנטעקסט, אָן וועלכן זיי קענען נישט זיין פאַר אונדז פאַרשטענדלעך. אין זייער צייט האָט נישט אויפגעהערט דער דיסקוסיע=אַרטיקל אונטערן טיטל — דייטש=יידישער פּאַרנאַס. דער מחבר פון אַרטיקל, מאָריץ גאָלדשטיין, האָט אים געדרוקט אין 1912 אין פּרעסטיזש=זשורנאַל ״דאָס קונסטוואָרט״. לויטן מחבר פון אַרטיקל, איז עס אַן אומגעלייזטער פּראָבלעם פאַר דער יידישער אינטעליגענץ. סיי די נישט=יידישע סביבה, סיי די אַסימילירטע יידישע אינטעליגענץ לעבן עס אַדורך אין אַ דאָפּלטן אַספּעקט.

וואָס שייך דער יידישער סביבה, וועלן מיר יידן אינטעלעקטועל זיך אַן עצה געבן מיט די וואָס לייקענען אָפּ אונדזער רעכט און פעיקייט עס צו טאָן.

כדאי דאָ צו דערמאָנען אַז יידן האָבן אין ווילהעלמס דייטשלאַנד געהאַט פאַר זיך באַריערעס צו מאַכן אַ קאַריערע אין מלוכהשער דינסט דאָס האָט. זיך געענדיקט נאָכן ערשטן וועלטקריג. אין דער ווײַמאַרער רעפּובליק האָט די גאַלאָפּירנדיקע אינפלאַציע פאַראָרעמט גרויסע צאָלן פון דער בורזשואַזיע. אַן אוניווערסיטעט קאַריערע איז געווען אָפן אויך פאר נישט געשמדט יידן.

וואָלטער בענדזשאַמינס אויסבליק איז געווען טיפּיש פאר דער גאַנצער גענעראַציע דייטש=יידישע אינטעלעקטואַלן. עס איז געווען אַ מין סעקולאַריזירטע ווערסיע פון דער אַלטער יידיש־טראַדיציאָנעלער אַקסיאָמע, אַז די וועלכע ״לערנען״ תורה, בעיקר תלמוד, זענען די מיוחסים און דאַרפן זיך נישט מטפל זיין מיט אַ פּראָפעסיע געלט צו מאַכן, אָדער ארבעטן אויף דעם (באַמערקט, ווי עס רופט זיך איבער מיט פּרצעס דערציילונגען פון רעאַליסטישן זשאַנער). עס האָט אין דער דייטש=רעדנדיקער וועלט נישט אויסגעמיטן קאָנפליקטן צווישן פאָטער און זון — די ליטעראַטור פון יענער צייט איז פול מיט זיי — אָבער מיר וועלן דאָ אין דעם נישט אַריינגיין.

בענדזשאַמין פלעגט קריגן אַ סטיפּענדיע פון זיין טאַטן, חודשלעך, דאָס איז געווען זיין איינציקע מעגלעכע הכנסה. כדי עס צו באַקומען אויך נאָך זיין טאַטנס טויט, איז ער גרייט געווען צו טאָן אַ סך זאַכן: שטודירן העברעיש, אויב די ציוניסטן וואָלטן געטראַכט אַז ער קען זיי ברענגען נוצן. זיין פאָדערונג איז געווען: 300 מאַרק אַ חודש; אויב נישט מיט זיי, איז מיט די מאַרקסיסטן פאַר 5 טויזנט פראַנצויזישע פראַנקן. גרשון שלום האָט שטאַרק זיך באַמיט צו שאַפן אים אַ סטיפּענדיע ער זאָל שטודירן העברעיש אין ירושלימער אוניווערסיטעט — אָבער אָן דערפאָלג. בענדזשאַמין איז נישט געווען קיין בונטאַר קעגן זיין אָפּשטאַם — די דייטש=יידישע מיליע, אין וועלכער ער איז

אויסגעוואָקסן. נישט געהאַט קיין שום גרונט צו זיין קעגן דער ווײַמאַרער רעפּובליק. ער גופא האָט דאָך נישט געוואָלט אָננעמען אַ פּראָפעסיע אין זיין אַרבעט. די פאַמיליע איז געווען רייך, דער טאַטע, אַ סוחר פון קונסט און אַנטיקן. איינער פון זיינע זיידעס איז גראָד געווען פרום, אַ צווייטער — ביי די רעפאָרמירטע. וועגן זיין קינדהייט אין בערלין, 1900, האָט ער פאַרצייכנט: ״אַ מאַזאָלעום איז שוין פון פריער צוגעגרייט פאַר מיר״.

מיר האָבן אויבן דערמאָנט גאָלדשטיינס אַרטיקל וואָס כאַראַקטעריזירט דעם מַצב פון דער דייטש=יידישער אינטעליגענץ. פון איין זייט האָט זייער רעפּרעזענטאַנץ זיך באַטראַכט פאַר יידן, און פון דער צווייטער זייט פאַרלייקנט זייער יידישקייט: ״מיר וועלן אָפּן פאַרהילכן דעם פּראָבלעם אין וועלכן זיי (יידן) זענען איינגעקלעמט געוואָרן. מיר וועלן זיי צווינגען צו אָנערקענען זייער יידישקייט, אָדער זיך שמדן״. דער מחבר שטעלט בולט אָבער ארויס די שאלה: — וואס וועט מען מיט דעם געווינען? ״אַ שפּרונג טאָן אין דער מאָדערנער העברעישער ליטעראַטער איז פאַר דער איצטיקער גענעראַציע אוממעגלעך. דעריבער איז אונדזער גאַנצע שייכות צו דייטשלאַנד, אַ נישט=געבעטענע ליבע. לאָמיר דעריבער זיין גענוג מענלעך און ענדלעך אַרויס — רייסן די באַליבטע אונדזערע פון אונדזערע הערצער... איך שטעל פעסט וואָס מיר דאַרפן טאָן; איך האָב אויך פעסטגעשטעלט אַז מיר וועלן עס נישט טאָן... עס איז נישט מיין שולד וואָס איך זע נישט קיין שום לייזונג״... אַגב האָט דער גאָלדשטיין פאַר זיך גופא געלייזט דעם פּראָבלעם מיט 6 יאָר שפּעטער, ווערנדיק קולטור=רעדאַקטאָר פון דער ״פאָסישער צייטונג״.

אַרענדט, וואָס גיט די ציטאַטן פון מאָריץ גאָלדשטיינס אַרטיקל, פאַרבינדט עס מיט דעם מצב פון וואָלטער בענדזשאַמין, וועלכער האָט אין אַן אַנדער קאָנטעקסט עס באַצייכנט ״אַ מאַיאָרער חלק פונעם א״ג ווולגאַר=אַנטיסעמיטיזם, און אויך פון דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע״. זי דערמאָנט קאַפקאַס אַ בריו צו מאַקס בראָד וועגן ״די דייטש=יידישע שרייבערס און די יידישע פּראַגע״. די פאַרצווייפלונג איבער דעם איז געווען זייער אינספּיראַציע — אַן אינספּיראַציע אַזוי רעטרעספּעקטפול ווי יעדער אַנדער שווינדל, דורך אַ גענויען, עקזאַמען, מיט די דעפּרעסיווע פּרטים. איין זאַך איז קלאָר, אַז זייער פאַרצווייפלונג איז נישט מאַניפעסטירט אין דער דייטשער ליטעראַטור, אַז נאָר אויבערפלעכלעך שײַנט עס צו זיין״.

איך בין זיך מודה, אַז פאַר מיר, דעם מזרח=אייראָפּעישן יידישן שרייבער, אויפן אויסטראַלישן קאָנטינענט, איז דאָס לייענען וועגן דער דייטש־יידישער טראַגעדיע, אַן אינטערעסאַנטע טעמע, צו וועלכער איך האָב זיך צוגערירט אין מיינע מאָנאָגראַפישע אַרבעטן וועגן משה מענדעלסאָן, ראַכעל לעווין און איר דור.

אָבער אַרענדט האָט מיך אריינגעפירט צו דער זעלבער מיליע בערך מיט קרוב 100 יאָר שפּעטער. איך האָב דערזען דעם פּראָבלעם, וואָס האָט לויט אַרענדט געהאַט פאַר זיך דריי... אוממעגלעכקייטן: ״די אוממעגלעכקייט צו שרייבן עס אין דייטש — און קאַפקאַ האָט דאָך באַטראַכט זייער נוצן די דייטשע שפּראַך — ווי אַ פרעמד אייגנטום, נישט דערוואָרבן, נאָר (רעלאַטיוו) צוגעלקחנט, פלינק אויפגעכאַפּט, אָבער עס פאַרבלייבט עמעצנס אַנדערש אייגנטום...

״קאַפקאַ גיט נאָך צו לסוף ״ די אוממעגלעכקייט צו שרייבן אַנדערש, נישט האָבנדיק קיין אַנדער שפּראַך, און די פערטע אוממעגלעכקייט פון שרייבן, מחמת די פאַרצווייפלומג איז נישט געווען עפּעס וואס מ׳ קען פאַרלייכטערן דורך — שרייבן וואָס איז בטבע נאָרמאַל פאַר פאָעטן״... פון פאַרצווייפלונג האָט זיך באַקומען ״א שונא פון לעבן און פון שרייבן; שרייבן איז דאָ נאָר אַ מאָראַטאָריע, וואָס איז פאַר איינעם וואָס שרייבט זיין לעצטע צוואה, איידער ער הענגט זיך אויף״ (ציטירט פון פראַנץ קאַפקאַס טאָג — ביכער — אַרענדט).

דאָס זאָגט טאַקע עדות פֿאַר וואָס האָבן אַזוי פֿיל דײַטש=ייִדישע פּליטים גענומען זיך דאָס לעבן, ווען זיי זענען געלאָפֿן פֿון היטלער=דײַטשלאַנד. אַוודאי איז אַרענדט גערעכט ווען זי ווײַזט אָן ווי קאַפֿקאַ איז נישט גערעכט לגבי דײַטש מחמת זײַנע אייגענע ווערק אָטעמען מיט דער ריינסטער דײַטשער שפּראַך פֿון דעם י״ה. אָבער ער האָט דאָך נישט באַהאַנדלט די פּערפֿעקציע פֿון זייער דײַטשער פּראָזער נאָר צו טראַגיק וואָס באַגלייט זיי ווי אַ ייִדישער פּראָבלעם.

אַרענדט מעדיטירט וועגן דיאַלעקטן אין דײַטשן לשון, וואָס האָבן אַ לעגיטימען אָרט אין דער שפּראַך און זי שרײַבט: ״ווער עס לייענט קאַפֿקאַס באַמערקונגען וועגן דער ייִדישער טרופּע אַקטיאָרן וועלכע האָבן אים אַזוי שטאַרק פֿאַסצינירט, זעט אַז ס׳איז געווען קלאָר פֿאַר אים אַז דאָס וואָס האָט אים אַזוי שטאַרק אַטראַקטירט זענען נישט געווען אַזוי די ייִדישע עלעמענטן פֿון זייער שפּילן, נייערט די לעבעדיקייט פֿון זייער לשון, זייערע זשעסטן. ״אַרענדט גיט נאָך צו: מיר האָבן היינט געוויסע שוועריקייטן צו פֿאַרשטיין די פּראָבלענען אָדער זיי נעמען ערנסט, בפּרט, ווען עס איז אַזוי אויף דער האַנט צו באַזײַטיקן זיי ווי אַ רעאַקציע קעגן דער אַנטיסעמיטישער מיליע און אַזוי אַרום ווי אַן עקספּרעסיע פֿון זיכהאַס. אָבער קיין זאַך קען נישט אַזוי פֿאַרפֿירן ווי דאָס באַהאַנדלען אַזעלכע מענטשן מיט אַזאַ הומאַנישן סטאַטוס פֿון אַן אינטעלעקטועלער ראַנגע, ווי קאַפֿקאַ, קראַוז און בענדזשאַמין.

דאָס וואָס האָט געמאַכט זייער קריטיק אַזוי שאַרף און ביטער איז נישט געווען אַנטיסעמיטיזם, ווי אַזאַ, נאָר ווי אַ רעאַקציע אויף דעם ייִדישן מיטלקלאַס, מיט וועלכן די אינטעלעקטואַלן האָבן זיך בשום אופֿן נישט געקענט אידענטיפֿיצירן. ס׳איז אויך געווען אַן ענין פֿון דעם כּסדרדיקן, אומווירדיקן אַפּאָלאָגעטישן איינשטעל פֿון אָפֿיציעלן (דײַטשן) ייִדנטום, מיט וועלכן די אינטעלעקטואַלן האָבן געהאַט אַ קנאַפּע שייכות; די ליגנערישע אָפּלייקענונג פֿון דער עקזיסטענץ גופֿא פֿונעם פֿאַרשפּרייטן אַנטיסעמיטיזם; דאָס איזאָלירן זיך פֿון, דער רעאַליטעט באַנוצנדיק אַלע מיטלען פֿון זעלבסט אָפּנאַרערײַ דורך דער ייִדישער בורזשואַזיע — אַרײַנגענומען די אָפּטע פֿײַנטלעכע און תּמיד=חוצפּהדיקע סעפּעראַציע פֿון די א״ג אָסט=ייִדן, וואָס זײַנען לויט דער (דײַטש=רעדנדיקער) ייִדישער בורזשואַזיע געווען די הויפּט — שולדיקע! אין אַנטיסעמיטיזם (ענלעכס האָבן מיר דאָך געהערט פֿון דער אַסימילאַטאָרישער ייִדישער בורזשואַזיע און מיטל=קלאַס אין פּוילן — י.ק.) אַלס פּועל יוצא איז דער דעצידירנדיקער פֿאַקטאָר געווען דער פֿאַרלוסט פֿון דער רעאַליטעט... זיי (די אַנטיסעמיטן) האָבן געקעמפֿט קעגן דער ייִדישער געזעלשאַפֿט מחמת עס האט זיי נישט דערמעגלעכט צו לעבן אין דער וועלט, ווי זי איז, אָן אילוזיעס (ריכטיקער וואָלט עס געדאַרפֿט געזאָגט ווערן אין ייִדישן אידיאָם אַז זיי האָבן געדאַרפֿט האָבן די ייִדן ווי אַ שָׂעיר לעזזל, כּדי אַרויפֿצוואַרפֿן אויף זיי זייערע זינד און פֿאַרברעכנס. אַזוי איז דאָך צום בײַשפּיל געווען דער מאָרד איבער וואָלטער ראַטענוי (1922) (זי ציטירט ווידער קאַפֿקאַן אַז פֿאַר אים איז נאָך געווען אומפֿאַרשטענדלעך״ וואָס זיי האָבן אים אַזוי לאַנג געלאָזט לעבן״ קאַפֿקאַס בריוו). די שאַרפֿקייט פֿון אָט דעם פּראָבלעם איז געלעגן אין דעם פֿאַקט וואָס עס האָט נישט בלויז, אָדער בעיקר זיך מאַניפֿעסטירט אַלס אַ ריס צווישן דעם דור, פֿון וועלכן מען האָט געקענט די פֿאַמיליע אָדער זיך ראַטעווען דורך פֿאַרלאָזן די היים.

האַנאַ אַרענדט טיילט אויס די עטלעכע געצײלטע דײַטש=ייִדישע שרײַבערס, וועלכע האָבן דעם פּראָבלעם אַרויסגעבראַכט אויף אַן אופֿן וועלכן מיר האָבן אויבן באַהאַנדלט. די פֿאָר געצײלטע זענען ארומגערינגלט געוואָרן דורך די אַלע אַנדערע וואָס זענען שוין לאַנג פֿאַרגעסן געוואָרן, זיי טיילן זיך אָבער אויס היינט פֿאַר די קומענדיקע דורות, וועלכע וועלן דאַרפֿן באַשטעטיקן די פֿראַגע: ווער איז ווער? וואָלטער בענדזשאַמין האָט עס געגעבן אַזאַ פֿאָרמולע: די פּאָליטישע פֿונקציע איז פֿעסטצושטעלן נישט די

פאַרטייען, נאָר די קלי, קעס; זייער ליטעראַרישע פונקציע איז נישט צו שאַפן ריכטונגען, שולעס, נאָר פאַסענער; זייער עקאָנאָמישע פונקציע איז צו שאַפן זיך און דער וועלט נישט קיין פּראָדוצירער נאָר אַגענטן.

קאַפקא גופא האָט וועגן דעם א״ג לינגוויסטישן מיטלקלאַס, צו וועלכן עס האָבן געהערט דער רוב מנין פון די ייִדישע אינטעלעקטואַלן, געזאָגט אַז זיי שטעלן מיט זיך פאָר ״דעם גיהנום פון דייטש=ייִדישע שאַפונגען״. פון זיי האָט זיך קאַרל קראַוז געוויגט, ווי דער ״גרויסער משגיח און מייסטער״, אַליין נישט באַמערקנדיק אויף וויפל ער גופא ״געהערם צו אָט דעם ״גיהנום״, צווישן די וועלכע ער האָט געשמיסן מיט זיין פעדער. אמת אַז די דאָזיקע זאַכן קענען געזען ווערן אַנדערש דורך אַ נישט=ייִדישער פּערספּעק — טיוו. דאָס איז געוואָרן נאָך מער בולט פון בענדזשאַמינס עסייען. אַגב ציטירט אַרענדט ברעכטס אַ זאָג וועגן קאַרל קראַוז: ״ווען די עפּאָכע איז געשטאָרבן דורך איר אייגענער האַנט איז ער (קראַוז) געווען די האַנט״ (פון בענדזשאַמינס שריפטן).

אַרענדט זעט פאַר די יידן פון דער גענעראַציע נאָר די צוויי פאָרמען פון בונטאַרישקייט: קאָמוניזם און ציוניזם. זי רעדט נאַטירלעך וועגן די דייטשע יידן, וועמענס עלטערער דור האָט שטאַרק פּאַראָרטיילט, די ציוניסטישע בונטאַרישקייט, ווי די קאָמוניסטישע. און בענדזשאַמין איז צוערשט געווען האַלב ציאָניסטיש און שפּעטער האַלב קאָמוניסטיש, און נאָך זיין טויט האָבן ביידע געוואָלט אים האָבן פאַר זיך אין גאַנצן...

איך האָב זיך לענגער אָפּגעשעלט אויף האַנאַ אַרענדטס גרעסערע אַרבעט וועגן בענדזשאַמין, מחמת עס האָט מיך אַריינגעפירט אין דעם ״דיאַלאָג״ וואָס איז אָנגעגאַנגען ביי די די יטשע ייִדישע אינטעלעקטואַלן, ווי אַרענדט האָט זיי אָפּגעשאַצט. מען מוז נישט מיט אַלץ מסכים זיין מיט אירע אַרויסזאָגונגען און באַטראַכטונגען צו אנערקענען, אַז זי האָט געוואָרפן אַ גאָר שטאַרק פּראָזשעקטאָריש ליכט אויף דעם מהות פון דער דייטש=ייִדישער אוינטעליגענץ אין דער היינטיקער תקופה.

---

האַרציקסטע ווונטשן צו

## פריידע ווינער

פון היוסטן, אָנפירערין פון די דאָרטיקע ייִדישע קולטור=קלובן וואָס גייט פּראַווען איר הונדערטסטן געבוירן=טאָג. זאָל זי האָבן אַ סך מער געזונטע און טעטיקע יאָרן.

**פסח מאלעוויטש**

לאָס=אנדזשעלעס

חיים קעניגער / פּאַריז

# לידער

* * *

דאָס לעבן צאנקט אין אָפּשיין
און דאָס ווערעמל האָט די אייבערהאַנט;
עס מעסט דיך מיטן בליק אין זיין
און דיין אָנמאַכט דערמאַנט.

האָסט וועלטן אין לעבן איינגענומען:
אויסגעמיטן קעסלגרובן מיטן בליק,
געשווומען קעגן שטראָם און דורכגעקומען,
געאָטעמט אויך דאָרט ווו ס׳האָט געשטיקט.

די זון האָט דיך פאַרבלענדט אויף פליינען
און פאַרטריקנט אַזש האָט דער שווייס פאַר היץ.
האָסט צו פיל געזען זאָלסט קענען וויינען,
אויך ווען מיט די ציין דו קריצסט.

און דיין מאַמעס ניגון פון וויגליד
די הערצישע סימפּאָניע באגלייט.
דער ווידערקול אין לעבן זידט
און מיט האָפענונג דעם וועג באנייט.

* * *

דער ריח פון גראָזיקן פעלד
גייט אויף אומעטום
ווו מיין פוס שטעלט דעם טראָט
און דער פרילינג טאַנצט אין ראָד.

די בליונג פון צייט
וועט בלייבן אָן אויפהער;
די גראָזן פון באשאף
וועלן וואַקסן אויף אלע פעלדער פון מאי.

אין חלום — דער וועג גייט פאַרביי.

## דעם טאָגס נצחון

ווען דער טאָג קומט אויף
און ברענגט אַ גוטע בשורה,
זאָלסטו אים האלדזן
ווי אַן אויסדערוויילטן.
ער פאַרטונקלט נישט
די זון, און העלט
פאר דיינע אויגן,
פאַרטרייבט די וואָלקנס
צוזאַמען מיטן ווינט,
און באַפאַלט
די פינצטער
פון מאָרגנשטערן.

## חיים שוואַרץ

# מיין דור...

אָט זע איך אים, מיין דור,
דעם יאָרן — אָנגעזעטיקטן
פאַרגייענדיקן דור,
וואָס גייט פּאַמעלעך אויס אויף מיינע הענט;
ווי רייפע זאַנגען אונטער שאַרף פון סערפּ
זיי פאַלן און פאַרשווינדן
גליד נאָך גליד
פון מיין באַטריבטן בליק...

אָ, וויפל שוין הֶספֵּדים
— מיט טרערנדיקן לויב —
אים האָבן קלעמענדיק באַגלייט
אין וועג אין אייביקן אַריין.
דער לעצטער טראָפּן זאַפט,
ווי אַלטער וויין אין שערבלדיקן בעכער,
דערפירט אים קוים ביז אָפּגעהאַקטן ברעג
פון קיינמאָל מער צעשטערטער רו...

איך קוק צוריק אויף נעכטנדיקע שליאַכן,
ווו ס'האָבן אָדלערס זיינע טריט געטראָגן;
איך זע די איינגעפונדעוועטע וואָרצלען,
וואָס האָבן אים בטוחונ'דיק געשפּייזט,
און שטוין:
ווי קרעפטיק איינגענורעט זיינען זיי
אין טויזנט — פלאַסטנדיקן באָדן!

מיין צער איז אויסגעמישט
מיט ליכטיקן באַוווּנדער:
אָט אַ דור!
אויף מאָרגנדיקע דורות
אַ בענטשונג אָט אַזאַ!

איך האָב מיט אים דאָך, מיטן דור מיינעם,
געטראָגן די מרידה — פאַקלען
קעגן עוולה — פולן סדר פון דער וועלט;
איך האָב מיט אים די אַלטע לוחות
איבערשמידן אויף דאָס ניי
מיט יוגנט — גלי אָן אויפהער זיך באַמיט,
און בלאָנדזשענדיק געטראָגן זיך פאָרויס;

אַזאַ מין אימפּעט האָט דאָס האַרץ דאָס יונגע
באַפליגלט און געהויבן
איבער שפּאָט און שטיינער,
קעגן וויכערדיקן זאַמד
מיט גלויבנדיקע אויגן...

האָסט רינגען פעסטע אויסגעשמידט
פון שאַפנדיקע הענט;
האָסט קאַמפּלידער אַרויסגעשאַלט
פון טויזנט—שטימיקן געזאַנג;
דיין צער־און־צאָרן האָט אַרויסגעפלאַמט
פון ווייס—צעפלאַטערטן פּאַפּיר,
ווי פון אַן אויפגעשיינטער פאָן...

דורך אַלע שפּרודלדיקע טעג און נעכט
האָט אויך מיין מאַמע—לשון דעמאָלט,
ווי אַ רויטער מעטעאָר אין הימלדיקן רוים,
אַדורכגעפינקלט מיט באַלעבנדיקן גלאַנץ.

פון אַלע וועגן האָסטו דיינעם אויסדערוויילט
און מיטגענומען פעסט מיין אויסגעשטרעקטע
האַנט;
בין אין אַוועק מיט דיר ניט קוקנדיק צוריק
מיט ליד אין האַרץ צום מאַניענדיקן גליק...

...איצט דאַכט זיך מיר:
גייסט אויס אויף מיינע הענט,
ווי רייפע זאַנגען אונטער שאַרף פון סערפּ,
און פולער ווערן היינט מיט זיי
די שוויַיגנדיקע קערב...

איך בויג מיין קאָפּ פאַר דיר,
אָ, דור מיינער,
געהייליקטער אין דויער און אין פּיין...!

אַבאָנירט און שטיצט

חשבון

די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די מערב־שטאַטן פון אַמעריקע.

אַבאָנימענט: $8.00 אַ יאָר.

יאָסל צוקער

# פ אָ ל

## אסתרן — אַ מתּנה

### 1

פּאָל, אַ נייניעריקער, האָט אַן אַלטן בליק אין די אויגן, נישט־קינדישע, שפּיציק אָנגעברוגזטע ליפּן און אויסגעצויגענע בלאַסע בעקלעך. די מאַמע זאָגט בײַ יעדער געלעגנהייט:

אַזאַ גרויסער יונג, ווי דו!...

פּאָלס מאַמע האַנדלט מיט געבעקס, וואָס זי צעטראָגט איבער יידישע עמיגראַנטן וואַרשטאַטלעך אין דער פרי און פאַרנאַכטלעך. מיטאָג־צייט כאַפּט זי זיך אַריין אין אַ שפּייז־געוועלבל אויפן בעלוויל און איר פאַרשעמט קול שאַרט זיך אַריין צווישן קונים־געטומל: "אַ פרישינק בייגעלע? אַ שטיקעלע קעזקיכל?"

דעריבער, ווי פרי פּאָל כאַפּט זיך נישט אויף, טרעפט ער שוין נישט דער מאַמען. מיט אַ סך, אַ סך טעג צוריק, איידער זי האָט אָנגעהויבן האַנדלען מיט די "גוטע זאַכן" האָט זי אים געפלעגט אויפוועקן מיט אַ קוש אין די אויגן, און ווען זי האָט אים דערלאַנגט דאָס גלאָז קאַווע, איז פון אויבן שטענדיק אַרומגעשווומען אַ "פּעלץ". היינט איז גאָר אַנדערש: דער טאַטע גייט נישט מער צו דער אַרבעט, און כמעט יעדן פרימאָרגן לויפט — אויס די קאַווע אויפן גאַז, דער גאַנצער "פּעלץ" גייט פאַרלוירן... אַז דער טאַטע האַלט שטענדיק אין רוימען, איז דען אַ וווּנדער? אָבער אונטערצויאָגן פּאָלן — דאָס פאַרגעסט ער נישט! אַלע פּאָר מינוט וואַרפט ער אַ בליק צום זייגער און צום זון:

— ווּעסט פאַרשפּעטיקן, זאָג איך!

און ווען דער קליינער האַלט שוין די שול־טעקע אונטערן אָרעם:

— וואַלגער זיך נישט אַרום אין די גאַסן!

דאָך האָט פּאָל ליב דעם טאַטן. ער האָט ליב צו קוקן אויף זיינע שווערע באַהאָרטע הענט מיט די גראָבע אָדערן; ער האָט ליב צו באַרירן מיט זיין גלאַטיק געזיכטל דעם טאַטנס האַרט פּנים און פאַרקנייטשן בשעת־מעשה די בלאַסע ליפּלעך אויף אַ ווייטיקלעך שמייכעלע:

— איי... עס שטעכט...

מיט פאַרגעניגן באַטראַכט ער דעם טאַטן, ווי זיינס אַ קינד:

— זאָג, פּאַפּאַ, אַוווּ טוט דיר וויי?

דעם טאַטנס אָרעמס הילן איין דעם זונס קעפּל:

— ווער האָט דיר דאָס געזאָגט, אַז כ'בין קראַנק?...

— פאַר וואָס זשע אַרבעט נישט דער פּאַפּאַ?

— אַמאָל, אַז כ'האָב נישט געאַרבעט, בין איך טאַקע נישט געזונט געווען, נאָר היינט...

דעם טאַטנס קול איז ווי אָנגעזאָפּט מיט שטויב, קריכט שווער, ווי ס'וואָלט זיך באַקלאָגט. פּאָלן איז זייער שווער צו פאַרשטיין די רייד און אַ טרויער נעמט אים אַרום אויפן טאַטן.

---

* דער מחבר פון דער דערציילונג, יאָסל צוקער, איז דעפּאָרטירט געוואָרן פון פראַנקרייך און אומגעקומען אין די היטלער=לאַגערן אין 1942, אין עלטער פון 29 יאָר.

— פאַפּאַ, ווען וועל איך שוין זיין אַ גרויסער?
זיין גלאַט געזיכטל טוליעט ער צום טאַטנס האַרטן פּנים, און אַזוי ווי דער טאַטע, שווייגט ער לאַנג, שווייגט ער ערנסט.

*

פאַר נאכט, ווען פאָל פאַרטיקט זיך אָפּ מיט די לעקציעס, לויפט ער אַקעגן דער מאַמען. אין גאַס שטעלט ער זיך נישט אָפּ מיט קיינעם פון זיינע חברים, צומאָל אַ רייך באַלויכטן שויפענצטער מיט שפּילצייג ליגט אים דעמאָלט נישט אין זינען. די מאַמע שטייט, ווי געוויינלעך, פאַר אַ יידישער קאַפע, מיט עטלעכע איבערגעבליבענע געבעקסן אין קיישל. שוין פון דער ווייטנס זעט פאָל, ווי זי שטופּט איר סחורה יעדן פאַרבייגייער, נאָר קיינער האָט נישט קיין צייט. זיי לויפן, לאַכן, שמועסן איינער מיטן אַנדערן, קוקן אויף פאָטאָגראַפיעס אין צייטונגען. פאָלן דאַכט זיך אויס צו הערן זיין מאַמעס בעטנדיק קול. ס'באַפאַלט אים אַ כעס צו די אַלע גלייכגילטיקע דורכגייערס. מיט איין שפּרונג האַלט ער שוין דאָס קיישל מיטן געבעקס.

— קום אַהיים, מאַמאַ, ביסט מיד!

ביים אָנבליק פון קינד פאַרשווינד איר מידקייט. ער איז דער אויסלייזער פון איר פאַרביטערונג; די האַרטע קאַנטן פון איר פּנים ווערן פאַרוויכט פון מאַמע—פרייד. זי הילט אים איין אין אירע אָרעמס, ווי אין שאַלן.

— ני... קלייב דיר עפּעס אויס פון קיישל. האָסט עס, דאַכט זיך, נישט פיינט?...

אָבער אצינד טראַכט פאָל וועגן די נייע הייזלעך, וואָס מ'האָט אים צוגעזאָגט אויפן פרילינג. אַ קיכל באַדייט אַ פראַנק — און אַ פראַנק איז דאָך אַ שאָד! און ער זאָגט:

— קום שוין אַהיים, מאַ!

— און דאָס? — ווייזט זי אויפן איבערגעבליבענעם געבעקס — מאָרגן 'עלעך עס דאַרפן פאַרקויפן פאַר העלפט געלט.

— טאָ גיי דערווייל צוגרייטן ס'עסן, מאַמע, און רו זיך אָפּ די פיס...

און פאָל גייט פון קאַפע צו קאַפע, שטעלט זיך אַוועק פאַר די דאָמינאָ—און בילאַרד—שפּילער, פאַרשטעקט זיך צווישן די מענטשן—רעדלעך — זיינע בלאַסע בעקלעך נעמען אויס, יידן קויפן מער אויס רחמנות, איידער צוליב אַ קיי. גיך יאָגן זיינע פיסלעך אהיים. איין האַנט טראָגט דאָס ליידיקע קיישל, איין האַנט ליגט אין דער קעשענע, וווּ די מטבעות קוועלן אַרום. זיין האַרץ פּויקט צו, פּויקט צו... און די אָנגעצונדענע לאַמטערנס איילן פאָרויס: "מאַכטס אַ וועג! מאַכטס אַ וועג!"

פאָל ווערט צומשפּעטסטן אַנטשלאָפן. אין דער געדיכטער פינצטערניש פון שטיבל הערט זיך דער מאַמעס פאַרמאַטערטער אָטעם. אויף זיין געלעגער באַוועגט זיך דער טאַטע אָן אָן אויפהער: פרייער, ביים טיש, האָט ער אויפגעוויקלט אַ פּלאַן — אָפּקויפן אַן איבערגענוצטע מאַשין, וועט ער פּרובירן אַהיימנעמען עפּעס געניייעכץ. נו, און אויסלערנען זיך אומצוגיין מיט דער מאַשין? — דאָס זאָל שוין זיין זיין לעצטע זאָרג!

פאָלס געדאַנק איז אויך מיט עפּעס פאַרנומען: קאָן דאָך דער פּאַפּאַ פאָרן אין אַן אנדער לאַנד אַריין, וווּ ס' איז דאָ אַרבעט פאַר אלע מענטשן גלייך...

די שול־חברים האָבן אַ צונאָמען פאַר פאָלן: "פּיפּי" — קליינטשיק מיידעלע. זיי רופן אים אזוי, ווייל כמעט קיינמאָל שפּילט ער זיך נישט מיט זיי, און דעם דאָנערשטיק—טאָג, ווען מ'איז פריי פון שול, און קינדער גייען געוויינטלעך אין קינאָ אריין — טרעפט מען זיך אויך נישט.

— באָן זשור, פּיפּי! — באַגעגנט מען אים, ווען ער באַווייזט זיך אויפן שולהויף. פאָל שעמט זיך מיט דעם צונאָמען, ס'טוט אים ווײ... גרויסט ער זיך אין די חברימס אויגן:

— נאָך אַ פּאָר מאָנאַטן און כ׳וועל פאַרלאָזן דעם "עקאָל" (שולע), כ׳וועל גיין אַרבעטן אין אַ פאַבריק! אַלע וואָך וועל איך אַהיימברענגען געלט...

— און דיין פּאַפּאַ, וואָס טוט? — פרעגט מען אים שוין זייער ערנסט.

— ער איז אַרבעטסלאָז.

— פאַר וואָס?

— ווייל... ווייל ר׳איז אַן אויסלענדער...

— האָט ער שוין איין מאָל מזל! — שפּרינגט ווער פון די קינדער אַרויס — וועט ער דאָך נישט באַדאַרפן גיין אין קריג אַריין!

— דו — אויך נישט, הע, פּאָל?

דער קרייז אַרום פּאָלן ווערט ענגער. אויגן — ערנסטע, וואָס באַדויערן, וואָס פילן מיט, העננען זיך אָן אין אים.

— אָבער מיר — פּלאַצט אויף אַ געשריי פון צופיל פרייד — מיר וועלן אַלע ווי איינער גיין שלאָגן דעם "באָש" (אַ זידל — וואָרט אויף דייטשן).

— איכ׳ל זיין אַן אַוויאַטאָר!

— און איך וועל מאַכן אַזעלכע גאַזן!

— פּאָל, דו וועסט נישט גיין פאַרטיידיקן דיין פאָטערלאַנד?

אַ צעמישטער שטייט פּאָל צווישן די אַלע העלדן. ער קען זיך בלויז באַרימען מיט איינס: "כ׳וועל גיין אַרבעטן אין אַ פאַבריק!"

און ווען ער קומט אַהיים, פרעגט ער:

— פּאַפּאַ, וועלכעס איז מיין פאָטערלאַנד?

די פּלוצעמדיקייט פון דער פראַגע צעטומלט דעם פאָטער. מאָדנע, ער, דער עטלעכע און דרייסיק — יעריקער האָט זיך נאָך קיינמאָל נישט פאַרטראַכט וועגן דעם. אינעם לאַנד, ווו זיינע עלטער — עלטערן זענען געבוירן געוואָרן און ווו ער אַליין איז געוואַקסן, האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַ פרעמדן, אָנגעיאָגט אויף אים כלערליי געזעצן, אים געטריבן מיט פּאָגראָמען... איז ער געלאָפן איבער גרענעצן, אויפצוזוכן אַ ווינקעלע "היים". ער קען פונקט אַזוי לויפן קיין אַמעריקע, אַרגענטינע, צי גאָר קיין אויסטראַליע...

פון טאַטן קריגט פּאָל נישט קיין ענטפער. קומט ער צו דער מאַמען. די מאַמע איז פאַרטאָן אין קעכל, זי גרייט צו דעם מיטאָג אויף מאָרגן.

— האָסט שוין נישט, זע איך, אין וואָס אַריינצוקלערן, ווי׳סט שוין אפשר נעמען אַ ביקס און אויסשיסן די וועלט?... גרויסער יונג! נעם ליבערשט די באַרשט און קער אויס.

אין שולע דערפילט פּאָל די מחיצה צווישן אים און זיינע חברימלעך אויף שריט און טריט. טייל מאָל, ביים שפּילן זיך, פאַרלירט ער אַ וואָרט אין יידיש.

— וואָס? — ווערט אַ געלעכטער — וואָס איז דאָס — כינעזיש?

און שפּילן שפּילט ער זיך אויך אַנדערש פון זיי; אומגעלומפּערט אין די באַוועגונגען, ס׳קול — אַלט, פאַרהויכט, דאָס געלעכטער איז ווי געמאַכט, כדי נישט אָפּצושטיין פון די אַנדערע, לאַכט ער.

— בלייבסט?... — לייגט מען אים פאָר מיט אַ סך אָנצוהערענישן אויף קונדסערייען, אַרויסגייענדיק פון שול.

אָבער דער טאַטע האָט דאָך אָנגעזאָגט: "וואַלגער זיך נישט אַרום אין די גאַסן!" און פּאָל ווייסט, אַז שיך דאַרף מען שוינען. און אין דער היים וואַרט דאָך אויף אים אַרבעט: די קאַרטאָפל אָפּשיילן — דער טאַטע שיילט צו גראָב! און אונטערהייצן דאָס קעכל, וואָרעם דער טאַטע מוז האָבן שטיקלעך קין אויף צו מאַכן פייער. פּאָל קען איינהייצן מיט צוויי ברעקלעך האָלץ — קויל — און ס׳פּלאַקערט!

*

פּאָל האָט פּיינט דעם ווינטער. נאָר עס רעגנט! דעם טאַטן טוען די פּיס וויי און עס שטעכט אים אין די זייטן. פון איר האַנדל קומט די מאַמע אַ דורכגענעצטע. זי הוסט אַ סך, און וואָך ביי וואָך שטעלט איר באַנקעס די יידישע שכנה. גלייך ווי זי קומט אַהיים, די מאַמע, צעלייגט זי דאָס אָנטועכץ אויף אַ בענקל און פאַרקריכט אין בעט אַריין. ווו מ׳זאָל איר נישט אָנרירן, טוט איר וויי. אין האַנדל גייט עס נישט — קאָנקורענטן האָבן זיך געיאַוועט פון אַלע זייטן, געקומען צו לויפן פון היטלער—לאַנד... די כוחות קאַפּיען אויס, און איידער אַזאַ פינצטער לעבן...

אירע שטילע קרעכצן ווערגן דעם טאַטן. ס׳איז אים אַ חרפּה, וואָס ער, דער מאַן, איז געפאַלן צו לאַסט דער פרוי. פּאָל קען זיך נישט קיין אָרט געפינען. די שטילקייט, די אָנגעצויגענע שטילקייט מאַטערט אים. ס׳ ווילט זיך אים שטאַרק אַרויסוויינען,וויינען פאַרן טאַטן, פאַר דער מאַמען, וויינען פאַר זיין אייגענער אומבאַהאָלפנקייט, אָבער ער שעמט זיך. די מאַמע רופט דאָך אים נישט אַנדערש, ווי: ״גרויסער יונג!״

דערפאַר האָט פּאָל אַזוי ליב דעם זונטיק. אין דעם טאָג איז ער שוין זיכער אַ ״גרויסער״. די מאַמע רוט אין בעט פון דער וואָך ארבעט, בלויז דעם מיטאָג צוגרייטן כאַפּט זי זיך אַראָפּ. אויך דער טאַטע נוצט אויס דעם טאָג און בעט דעם שכן, ער זאָל אים גוט איינרייבן די פּלייצעס. איינער אַליין דרייט זיך פּאָל אַרום איבער דער שטוב, היט אָפּ ס׳פייער אין אייוועלע, קאָכט אויף טיי, און ווען ער גייט אָנצאַפּן אַ ביסל וואַסער צום קראַן אויף די טרעפּ, געדענקט ער אָנצוטאָן דאָס וואַלענע שאַליקל.

קווּעלט די מאַמע פון זינדעלע — איר גאַנץ פאַרמעגן — און הילט אים איין אין אירע וואַרעמע אָרעמס. דער מאַמעשיס קושן זענען זיס — פּאָל פאַרמאַכט די אויגן און גיט זיך אונטער אירע צערטלערייען: אַ וועלט שווימט אים אַקעגן אויף אַ זילבערנעם שיפעלע, באַהאָנגען מיט מיליאָנען—מיליאַסן פייערלעך פון אלע קאָלירן. דער מאַמעס קושן זענען טראָפּנס האָניק אויף זיינע שפּיציק—אָנגעברוגזטע ליפּעלעך. אַזוי קליין ווערט ער אין אירע אָרעמס, ווי אַ ניי—געבוירענער...

— מאַ, דערציילסט מיר קיין מאָל נישט קיין מעשהלע — מאָנט ער — מאַ, דערצייל... זי וואַכט אויף: אַ הימל אָנגעשוואָלן מיט וואַסער קוקט אַריין... זי וואָלט געדאַרפט קויפן אַ פּאַראַסאָל... אין דער לינקער זייט פּלייצע שטעכט איר מער ווי אין דער רעכטער... ווי ער זעט שוין אויס, דער מאַן!... און דער קליינער יונג, אַ קלאָג איז צון איר קאָפּ! זי האָט דערהערט:

מאַ, דערציילסט מיר קיין מאָל נישט קיין מעשהלע!

— אוי, טייער קינד, לאָמיך כאַפּן אַ דזשים... מאָרגן איז שוין ווידער מאָנטיק... איבער דער שטוב ליגט שוין אויסגעשפּרייט אַ גראָע שטילקייט. דאָס אָנגעווייטיקטע אָטעמען פון טאַטן, דאָס פאַרמאַטערטע אָטעמען פון דער מאַמען טרעפן זיך צונויף, בלייבן ערגעץ זיצן אין דער לופטן, ווי טענות צו דער וועלט... פּאָל קריכט אַריין אין טאַטנס שיך, אין די לאַנגע הויזן, פאַרוואַרפט דעם טאַטנס בינדע ארום זיין דאַר, נאַקעט העלדזל, טוט אָן דעם טאַטנס קאַפּעליוש אויפן שטעקן פון דער באַרשט און פאַרנייגט זיך פאַר אים:

— באָן זשור, מסיע! כ׳בין אַ ״שאָמער״ (ארבעטסלאָזער), איך האָב אַ פרוי מיט אַ קינד... צי האָט איר נישט פאַר מיר אַ פּאָסטן? כ׳בין זייער אַ גוטער פאַכמאַן, איר וועט זען...

דאָ מאַכט פּאָל נאָך דאָס שווערע קול פון סטרוזש:

— ווער זענט איר? — פרעגט דער באַרשט — שטעקן — אַן אויסלענדער? איז האָב איך נישט פאַר אייך קיין אַרבעט!

פּאָל, בעטנדיק:

— אָבער איך מוז דאָך עסן! אַנישט קען איך דאָך שטאַרבן. דער באַרשט — שטעקן, שטרענג:

— גיי דיר אין דיין לאַנד אַריין!

— אָבער אין מיין לאַנד האָב איך דאָך אויך נישט קיין אַרבעט. דער באַר=שטשטעקן, מיט אַ געשריי:

גייסט אַוועק? אַנישט רוף איך אַ פּאָליציאַנט!

פּאַל פאַרביילט די הענטלעך, זיינע אייגעלעך כעסן זיך אָן. — דו, הונט מיט אויערן, נאַ! — שליידערט ער אים אַ שוך.

אין בעט וועקט זיך דער טאַטע:

— ווער איז דאָרט?

— גאָרנישט, פּאַפּאַ, איך בין עס...

.2

די ערשטע פרילינג טעג האָבן אויפגעזונט. אַ האַלב פענצטער שטייט כסדר אָפן. פרישע, שמעקעדיקע ווינטלעך שפּרינגען אַרום איבער דער שטוב און טשעפּען מיט פּאָלס צעשויבערטע בלאָנדע לעקעלעך, טשעפּען מיט די נאַסע שטיקלעך וועש, וואָס די מאַמע האָט אויף אַ שטריקל צעהאָנגען פון ווינקל צו ווינקל. די שטוב האָט פון זיך אַראָפּגעשאָקלט דאָס אייוועלע מיט דער לאַנגער, שוואַרצער רער, די ווינטער — מלבושים אויפן הענגער איבער דער טיר. די פאָדלאָגע שיינט פון נצחון, וואָס זי האָט אָפּגעהאַלטן ביים פאַרטרייבן די פּאָדעשווע — צייכנס און חנדלט זיך מיט איר קלאָר האַלץ — לייב.

אין די אויסגעפּוצטע שויבן, וועלכע שפּיגלען אָפּ דעם יום — טוב — בלאָען הימל, זעט פּאָל אַרומשוומען פאַנטאַסטישע געשטאַלטן, וואָס רופן אים אין ווייטע ווייטן אַריין און זינגען אויס מעשהלעך — גאַזאַנגען.

און אין שטוב איז פול מיט זייף — ריחות און מיט נאַפטאַלינע. די מאַמע פאַרפּאַקט אין דער גרויסער, אָפּגעקראָכענער וואַליזע די לעצטע ווינטער־שפּורן. פון אַ שטול פּלייצע העלט שוין אַראָפּ דעם טאַטנס זומערדיקע הויזן; אָט האָט אַ ווייס העמדעלע מיט קורצינקע אַרבעלעך זיך צעקושט מיט פּאָלס שמאָלטשיקער פּלייצעלע — "שוין אַזוי לאַנג נישט געזען זיך!" און אלס ענטפער גלעטן דעם קינדס פינגערלעך דאָס ווייכע, מיט נאַפטאַלינע שמעקעדיקע שטאָפל... די מאַמע האָט אויף זיך אַרויפגעצויגן אַן אלט בלאָ קלייד און פון איר שוואַרצן גרעק אויסגעפלאָכטן צוויי לאַנגע, שווערע צעפּ. באַטראַכט זי זיך אין שאַנק — שפּיגל, מאַכט אַ טראָט אהער, אַ טראָט אהין; אויף די האַרטע קאַנטן פון איר פּנים, אין די פיין — טיפעניש פון אירע אויגן, האָט זיך אויסגעשפּרייט די שטילע פרייד פון אירע כלה — יאָרן.

פאַר נאַכט גנבענען אַראָפּ די ליבע ווינטעלעך אַ פאָר שטראַלעכלעך זון פון הימל און לייגן זיי אַנידער אויפן טיש, ווי אַ בוקעטל רויטינקע פעלד — בלימלעך. פּאָל קוקט אַרויס דורכן פענצטער. הויך איבער די דעכער טויכן אויף מעשה — געשטאַלטן אויסגעסטראָיעט אין די רייכסטע הימל — קליידער. זיי רייטן אויף ריזיקע פיש פון רעגנבויגן — קאָליר, און פאַר זיי שווימען לייבן, וואָס טראָגן אויף זייערע פורפורנע רוקנס נאַקעטע, ראָזע קינדערלעך מיט בלאָנדע לאָקן אָר מיט טרומייטערלעך אין מויל.

פּאָל ווערט באַרוישט פון דער הימלישער מוזיק. ער געדענקט נישט מער אין די נייע הייזלעך, די טיר עפנט זיך אַליין פאַר אים אויף, די פינצטערע פינף שטאָק טרעפּ זענען איין שפּרייז. די גאַס לויפט אים אַנטקעגן מיט אַ פול מויל געלעכטער. פּאָל גיט זיך אַ הייב אין דער לופטן, פאַרלייגט צוויי פינגער אויף דער צונג און מיט אַ שטורמישן פייף טראָגט ער זיך אַוועק.

*

צווישן די קוימענס און דעכער האָט זיך די זון יעדן טאָג צעבראָכן און אויסגעשיט איר גאָלדן פאַרמעג אין די גאַסן. אָבער די מענטשן האָבן זיך נישט דערמיט געפרייט, זיי האָבן עס געשאָלטן. די בעלווילער געסלעך האָבן געשוויצט. אַ דומפּיקייט איז אויפגעגאַנגען פון אַרויסגעלייגט בעטגעוואַנט צום לופטערן און פון די פּראָשקעס קעגן פליי און וואַנצן. דער ברוק האָט געגלאַנצט מיט אַ סמאָלע — שווייס. פון די לעכצנדיק אויפגעריסענע פענצטער, ווי פון קראַנקע מיילער, האָט געשפּאַרט אַ זויערקייט.

פּאָל האָט פאַרלוירן ס׳ ביסל אַפּעטיט, די שול — פּעריען האָבן זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן. ער איז געגאַנגען באַגלייטן אַ קאָלעגע צו דער באַן.

— כ׳על דיר ברענגען אַ לעבעדיק זומערפייגעלע, ׳עסט זען, פּאָל!

— דו האָסט שוין געזען אַ גליווערעמל?

— אפשר טויזנט מאָל! ביי נאַכט, אַז ס׳איז גוט פינצטער לייכט דאָס... און דו פאָרסט גאָרנישט אויפן דאָרף?

דער רעש פון וואָקזאַל האָט זיך געוויקלט אַרום פּאָלן ווי שטיקער געלעכטער. זיין האַרץ האָט אַזוי געקלאַפּט קוקנדיק אויף די מחנות קינדער, וואָס זענען איינגעשטיגן אין וואַגאָנען, באַהאנגען מיט רייפן, מיט ראָווערן, מיט הושטאַוקעס און לאַנגע, גלאַנציקע פישפאַנג — שטעקלעך. דאָ האָט ער זיך פאַרגנבעט מיט אַ פּיסל צו אַ פּוטבאָל אין אַ רויטער שאַטקע, דאָרט האָט ער אַ קוועטש געטאָן אַ ראָווער — גלעקל, וואָס האָט אַ לאַך געגעבן מיט אַ סך לויטערע טענער.

— האָפּ — האָפּ! — האָבן זיך איבערגעשריגן די אָפּרייזנדיקע.

— האָפּ — האָפּ! — האָט פּאָל זיך געסטאַרעט זיי איבערצושרייען. ער איז אַריין אין קופּע צו זיין קאָלעגע, זיך אוועקגעשטעלט ביים פענצטערל, געוואָרפן סתם — קולות צום פאַרזאַמלטן עולם, געפאָכעט מיט זיין בערעטל אין דער לופטן: ״אַדיע!״, ״זייט געזונט!״ מיט אַ מאָל האָט אַ לאַנגער, דינער פייף דורכגעשטאָכן זיין האַרץ. ער האָט מער גאָרנישט געזען, גאָרנישט געהערט, ער האָט זיך אַליין אויפגעהערט צו פילן.

ערגעץ אין אַ ווינקעלע, ביי אַ גראָער, טויטער וואַנט, איז ער געבליבן שטיין און לאַנג געווויינט. פּאַמעלעך האָט ער גענומען צוריקגיין צום בעלוויל. ביים קאַנאַל סט. מאַרטין האָט ער צונויפגעזאַמלט אין די קעשענעס אַריין שטיינדלעך, אַרויף אויף דער בריק און זיי איינציקווייז גענומען שליידערן אין וואַסער אַריין מיט אַ כעס, אַזש זיינע בלאַסע בעקלעך האָבן זיך צעפלאַמט. דערנאָך, די קעשענעס אויסגעליידיקט, האָט ער גענומען שפּייען. ער האָט געוואָלט נקמה — נעמען אין דעם צוג, אין דעם שטעכיקן פייף, וואָס איז נאָך אַלץ געזעסן, ווי אַ לאַנגע שפּילקע אין זיין האַרץ. האָט ער אַראָפּגעכאַפּט דאָס בערעטל פון קאָפּ, עס אָנגעפילט מיט זאַמד, מיט פאַרהאַרטעוועטע שטיקלעך ערד און עס דערטרונקען אין קאַנאַל.

אַ ווײַלע איז ער נאָך געבליבן, כדי צו זען, צי דאָס בערעטל שווימט נישט אַ מאָל אַרויף. און מיט אַ מאָל איז אים אַ שרעק באַפאַלן: וואָס וואָלט געווען, ער זאָל אַזוי טאָן מיט זיך, מיט זיך אינגאַנצן?

אויפן וואַסער איז אַרויפגעשווומען דער פאַרנאַכט. פּאָלן האָט זיך געדאַכט, אַז ער זעט אויסגעשטרעקטע הענט, אַז ער הערט דעם הילפרוף פון זיין בערעטל, האָט ער גענומען לויפן אין איין אָטעם ביז אהיים.

אין שטוב איז שוין געשטאַנען די ניימאַשין.

*

די מאַשין האָט געמאַכט אין אַלעם פאַרגעסן: אין די היצן אין דרויסן, אין הוסט, וואָס איז דער מאַמען פאַרבליבן פון ווינטער. אַן אַנטיק איז אַריינגעקומען אין שטוב אריין און

אלע האָבן זיך מיט אים געצאַצקעט. מיט אַ פרומקייט האָט מען געפּרוווט דאָס "פּיסל" אַראָפּלאָזן, ארויפהייבן; מ׳ האָט אַריינגעקוקט אין "קאָפּ", געפּאָרשט אַ יעדעס גווינטל. מסיע טוביה איז עקסטרע געקומען אַ בליק טאָן.

— ס׳פּאָרט אַ פעסטע כלי!

— און דער טאַטע האָט פאַרזאָגט פּאָלן: — ניטע!

נאָר ווען ער האָט זיך פאַרקוקט, אָדער ר׳ איז אַוועק אָפּטראָגן די אויפגעגייטע זאַכן, פלעגט זיך פּאָל פאַרגנבענען צו דער מאַשין, מיט אַ פינגערל, זייער פּאָרזיכטיק אָפּווישן דעם שטויב און צערטלען דאָס קאָלטע גלאַנציקע אייזן, ווי ס׳ וואָלט געווען דער מאמעס פּנים, דער מאַמעס הענט. אַז די מאשין וועט ווען, קענען זיי ווינען אין אַ דירה, ווו ס׳איז דאָ וואסער און ווו מ׳דאַרף נישט לויפן צום קראַן אַ שטאָק פינצטערע קרומע טרעפּ. אַז די מאַשין וועט נאָר וועלן, קען ער נאָך היינטיקס יאָר אַרויספאָרן אויפן דאָרף און כאַפּן זומערפייגעלעך און זיך באָדן אין אַן אמתדיקן טייך. צייט ער לעבט האָט ער זיך נאָך נישט געבאָדן אין אַזאַ לויפנדיק וואַסער!

אין די הייסע יולי — נעכט, מאַטערנדיק זיך מיטן שלאָף, פלעגט ער תפילה — טאָן פאַרן געזונט פון דער מאַשין. צוזאַמען מיט דער מוטער האָט פּאָלן אַרומגעכאַפּט אַ ציטערנדיקע פרייד ווען די מאַשין האָט געשטעפּט רעשיק און שנעל. פריער, אַהיימקומענדיק פון איר האַנדל, איז די מאַמע באַלד אַוועקגעפאַלן אויפן געלעגער, איצטער, האָט זיך די מידקייט פון איר אָפּגעטאָן: זי איז געשטאַנען איבערן מאַן מיט אויפגעשיינטע אויגן, און אז ס׳איז פאַרטיק געוואָרן אַ שטיקל, האָט זי עם געכאַפּט אויסצוועונדיקן אויף דער האַנט.

די מאַשין האָט נאָך ווניציק ארויסגעגעבן, דער טאַטע האָט זיך געלערנט מיט איר אומצוגיין. נישט געקוקט, וואָס ער פלעגט אַריינאַרבעטן ביז דער שלאָף האָט געבונדן זיינע גלידער — איז פּאָרט נישט מעגלעך געווען צו באַצאָלן פאַר די צוויי פאַרשפּעטיקטע קוואַרטאַלן דירה — געלט. און איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט האָט דער הויזווירט אַליין געעפנט די טיר.

— כ׳ל ארויסוואַרפן! — האָט ער מיט אַן אויפגעהויבענעם, גראָבן פינגער אָפּגעהאַקט שטיקער ווערטער. זיין קול האָט געשפּרייזט איבער דער שטוב, ווי געטראָגן פון אַ פּאָר שווערע, ברייטע פיס.

— איר זענט פרעמדע...

— ווי געסט דאַרפט איר זיך אויפפירן ביי אונדז אין לאַנד!

מוטער און זון האָבן זיך אַ שאַר געטאָן צו דער מאַשין, צום מאַן, זיי האָבן פאַרקוועטשט די אויגן, גלייך אזוי אַרום וואָלטן זיי פאַרטויבט דאָס אומברחמנותידקע קול.

די נאַכט איז שוין געקראָכן אויף די ווענט, ווי אַ ריזיקע שפּין, זיך פאַרטשעפּעט מיט די לאנגע פיס אין יעדעס שטיקל מעבל און געבליבן הענגען מיט איר שווערן קערפּער איבער דער שטוב.

— וואָס טוט מען? — האָט דער מאמעס קול אויפגעציטערט.

פּאָל האָט זיך איינגעטוליעט אין איר וואַרעמען שויס, מיט זיינע ליפּלעך האָט ער געבלאָנדזעט אויף איר פּנים און אויסגעקושט דעם הייסן פלייץ פון אירע אויגן.

— מאַמעשי!... — האָט ער מיט אַ מאָל הויך אַרויסגעוויינט — לאָמע אָנשרייבן צום פעטער דאָווטשען, קיין אַרגענטינע... אפשר וועט ער אונדז אריבערנעמען...

יצחק אלחנן ראָנטש *

# איידער איך פאַרלאָז

עס ווילט זיך זיין אַ גוטער באַלעבאָס,
איידער איך פאַרלאָז.
ניט זיין זאָל נעפּל מער פאַרצויגן,
פאַר מיינע אויגן,
נאָר קלאָר זאָל זיין מיין בליק, ווען איך פאַרלאָז.

אין ווינקל — הארץ עס הויערט נאָך אַ שרעק,
די נאָז דאָס בלוט דערשמעקט.
פון ערגעץ טראָגן זיך געקלאָגן
מיך דעריאָגן.
אין מיין געגאַרטער רו זיך אומרו וועקט.

אַ לעבן — לאַנג געאַקערט און געזייט,
אין וועג זיך צוגעגרייט.
געמיינט — דערגרייכט מיין שטרעבן
אין האַרבסט פון לעבן,
נאָר ניט געשניטן האָב איך וואָס פאַרזייט.

קיין שלום איז נאָך אַלץ ניטאָ,
ווען ס'שלאָגט מיין לעצטע שעה.
עס טראָגן זיך די טרוימען
אין מיינע רוימען.
דער שונא פונעם מענטש איז אַלץ נאָך דאָ.

איך פיל זיך שולדיק פאַרן נייעם דור,
פאַרן מאָרגנדיקן יאָר.
די שטומע טריט פון טויט — געפאַרן
זיך נענטער שאַרן.
די שוואַרצע קראָען דראָען נייעם דור.

כ'וויל אויספליקן מיט וואָרצל ס'ווילדע גראָז,
איידער איך פאַרלאָז,
ניט אויפהערן וועל איך זיך מיען,
אַז ס'זאָל דער גאָרטן בליען,
ווען שלאָגן וועט מיין שעה — ווען איך פאַרלאָז.

* פון זיין שפּעריש ער ירושה.

רבקה קאָפּע / פּאַריז

## נשמה — פּרילינג

ווער סיקען לייענען
פּונעם נעצל פון מײַן אויג,
לייענט, "נשמה — פּרילינג".

וואָס קומט אַרויס,
אַז כ'טראָג מײַן לעבן
ווי אַ שריפט,
אָפּגעמעקט און אָפּגעלעקט
פון צײַט.

אַ קאָנטראַסט,
כנגד
צו מײַן פּאַנצער — בגד,
אָפּגענוצט
מיט לוסטרינעם אויף יעדער זײַט...

אוודאי וואָלט איך,
גערן ווילינג,
אויך מײַן לײַבפּאַנצער
זאָל פּאַסן צו דעם פּרילינג!

אוי, ווי פּאַרדראָסיק,
הימלדיק —
נישט גלײַכמאָסיק!...

## יידישע שרייבער וועגן שואל גוטמאַנס בוך "אַמעריקאַנער יידישער קיבוץ אין פּראָפּיל"

"...שואל גוטמאַן איז אַ הומאַניסט און גלייביקער סקעפּטיקער. ער גלייבט אין דער יידישער צוקונפט, אָבער ער וואָרנט אונדז אַז די וועט נישט זיין אַזוי ווי מיר שטעלן זיך פאָר... ער גלייבט אין נצחונות, אָבער נישט אין ענדגילטיקע נצחונות... מיר וועלן לייזן אַ סך שווערע פּראָבלעמען, אָבער נייע פּראָבלעמען וועלן פאַרנעמען זייער אָרט. ער איז דער אייביקער זוכער; דער מענטש וועמענס גייסטיקער מאָגן איז שטענדיק הונגעריק. גוטמאַן גלייבט אַז דאָס לעבן פון יידישן קיבוץ אין אַמעריקע האָט נישט קיין פּאַראַלעל אין דער 4000 — יעריקער געשיכטע פון יידישן פאָלק, און דערפאַר טאָר מען נישט מאַכן קיין אייליקע פּראָגנאָזן. ער זעט דעם יידישן המשך אין אַמעריקע מיט מער אָפּטימיזם ווי מיט 50 יאָר צוריק".

יאָני פיין אין "די צוקונפט", סעפּט. דעצ. 1988.

"כאָטש גוטמאַן איז אַ יידישיסט האַלט ער אַז מיר מוזן זיין אָפן צו יידישער שעפערישקייט אויף ענגליש... זעלטן ווען מען געפינט ביי עמיצן אַזאַ גליקלעכן צונויפקום פון אידעאָלאָגיע און מעשים. שואל גוטמאַן און זיין בוך קענען דינען ווי אַן אינספּיראַציע און אַ מוסטער פאַר דעם יינגערן דור מאָדערנע, אָבער יידישלעכע יידן, וואָס פרוון שאַפן אַ מאָדערן, אָבער אויטענטיש יידיש לעבן. ער גיט אונדז האָפנונג, אַז אַמעריקע וועט אויך פאַרנעמען אַן אָרט אין דער יידישער געשיכטע — צוזאַמען מיט בבל, שפּאַניע, מזרח — אייראָפּע און ישראל."

שבע צוקער אין "יוגנטרוף", אויגוסט 1988.

"דאָס דאָזיקע בוך עסייען פון אַ טיפזיניקן דענקער און דערציער... זענען פון גרויסן ווערט, און קענען באַאיינפלוסן לייענערס וואָס זענען באַזאָרגט וועגן דער איצטיקער סיטואַציע פון יידן אין די תפוצות, ווו עס ווירקן גלייכצייטיק דעגענערירנדיקע און רעגענערירנדיקע כוחות. גוטמאַן איז אויף דער העכסטער מדריגה ווען ער באַטראַכט די ווערטן וואָס זענען פאַרקערפּערט אין דער יידישער ליטעראַטור".

פּראָפ. סאָל ליפּצין אין "חשבון", האַרבסט 1988.

„דעם סאַמע שטאַרקסטן איינדרוק אין גוטמאַנס ווערק מאַכט דער גלייכגעוויכט צווישן מחברס פאַרנעם פון וועלטלעכער יידישקייט, און זיין באַגריף פון דער נישט — יידישער וועלט... עס קומט אָפּט צום אויסדרוק אין אַלערליי וואַריאַנטן כמעט אין אַלע עסייען. איך גלייב באמונה שלימה אַז אויב מיר יידן ווילן באמת זיין געטריי צו אונדזער עטאָס, צו אונדזער געשיכטלעכן גאַנג, מוזן מיר העלפן מיט אַלע כוחות מתקן זיין די וועלט, און דאָס איז אויך אין אונדזערע אייגענע אינטערעסן.

„דעם מחברס מעסיקער אָפּטימיזם נעמט זיך פון דרייסטקייט אויפצונעמען די שווערסטע נסיונות פון אַמעריקאַנער ישוב ווי אַן אָביעקטיווער, און שטאַרק אַנגאַזשירטער אָבסערוואַטאָר. יעדער איינער וואָס וועט לייענען דאָס דאָזיקע אינטערעסאַנטע ווערק וועט נישט נאָר געפינען אינספּיראַציע, נאָר אויך האָבן אַ גרויסן אינטעלעקטועלן און עסטעטישן גענוס.

פּראָפ. אַרטור לערמער אין „אונדזער צייט"
יולי — אויגוסט 1988.

„פון שואל גוטמאַנס בוך שטראַלט אַרויס זיין בקיאות און זיין פּעדאַגאָגישע פעיקייט איבערצוגעבן וואָס ער ווייסט און טראַכט אויף אַ לייכטן און אינטערעסאַנטן אופן... ביים לייענען גוטמאַנען באַקומט זיך אַ בילד פון דער רייכקייט און פאַרשיידנקייט, ווי אויך פון דער פאַרקניפּטקייט מיטן ארומיקן מאָדערנעם געדאַנק, פון די פּלוראַליסטישע און הומאַניסטישע שליאַכן און סטעזשקעס פון דער מאָדערנער יידיש — וועלטלעכער קולטור — ספערע... גוטמאַנס פּראָפּיל" איז אַן ערנסט און סטימולירנדיק בוך... אַרויסצוגעבן היינט אַזאַ בוך איז דאָך ממש בבחינת קידוש — השם. דאַרף מען דעם מחבר באַגריסן און צווינטשן כן ירבו".

שיקל פישמאַן אין „אויפן שוועל", אָקט. — דעצ. 1988.

„שואל גוטמאַן איז נישט קיין דאָגמאַטיקער, ער באַטראַכט די שינויים וואָס קומען פאָר אין אַמעריקאַנער יידישן לעבן. זיין יידישקייט איז דורכגעדרונגען מיט ליבשאַפט צו מאַמע — לשון, צו דער יידישער ליטעראַטור און קולטור. ער האַלט אַז יידישקייט אין ענגליש וועט זיין אַנדערש פון דער יידיש — יידישקייט, און פון דער ישראל — יידישקייט; אָבער אויב זי וועט וואָרצלען אין דער יידישער גייסטיקער ירושה וועט זי זיין אַ דויערנדיקע."

חנן קיעל „קולטור און לעבן", דעצ. 1988.

דאָס בוך באַשטייט פון 352 זייטן, איז שיין געבונדן, מיט האַרטע טאָוולען. עס קאָסט 20 דאָלאַר, פּאָרטאָ אַריינגערעכנט. מען קען עס באַקומען אין ארבעטער — רינג: בילדונגס — דעפּאַרטמענט, אָדער ביים מחבר, אויפן אדרעס:

SAUL GOODMAN, 124 GALE PLACE
BRONX, NEW-YORK 10462

# נייע ביכער

* משה שקליאַר: "ליד און לעבן", לידער, 128 זז', פאַרלאַג ישראל — בוך, תל — אביב 1988. דאָס בוך איז איינגעטיילט אין פאָלגנדיקע אָפּטיילן: קאַנטורן; שאָטנס; אין אַלבאָם פונעם זיכרון; יידישקלאַנג; אין יעדן טראָפּן; ווערטל און וואָרט.

* לילי בערגער: "אין לויף פון צייט", דערציילונגען, נאָוועלן און עסייען, 230 זז', פּאַריז 1988. דאָס בוך איז געהייליקט דעם אָנדענק פון דער שרייבערינס לעבנס — באַגלייטער לואי (לולקע) גראַינאָווסקי. עס קומען אריין אינעם בוך צען דערציילונגען, און אזוי פיל עסייען, געשריבן אין פאַרשיידענע צייטן.

* מאיר יעלין: "פּייערריסן אינעם חושך", דערציילונגען, 240 זז', ה. לייוויק פאַרלאַג, תל — אביב 1988. אינעם בוך קומען אַריין פערצן דערציילונגען און, ווי אין די פריערדיקע ווערק פונעם זעלבן מחבר, שפּיגלען אָפּ די חורבן — עפּאָכע.

* שלמה שוואַרץ: שטאָלענער אוניווערס", לידער, 170 זז', י.ל. פּרץ — פאַרלאַג, תל — אביב 1989. דאָס בוך איז איינגעטיילט אין פינף אָפּטיילן: שאָטנדיקע געטער; דואַלעט; צום ווייטן ערגעץ; פאַרוועלקטע אַלבאָמען און דורכגעגלעטע לבנות. עס איז דאָס לעצטע בוך פונעם ניש לאַנג פאַרשטאָרבענעם דיכטער, וועלכער איז געווען אַ שטענדיקער תושב פון שיקאַגאָ און האָט אָפט געדרוקט זיינע לידער אין "חשבון".

* אין תל — אביבער פאַרלאַג "ישראל — בוך" איז אַרויס פון דרוק אַ זאַמלונג לידער און עסייען פונעם דיכטער מ. אָליצקי. די לידער קומען אין דריי סעריעס: דער נעכטן איז אַוועק, די שטאָט ניו — יאָרק, נישט אויסטייטשן דעם זונפאַרגאַנג. די עסייען, געזען מיט די אויגן פונעם דור וואָס איז דערצויגן געוואָרן אויף דער אידישער ליטעראַטור, זיינען וועגן שאַפונגען פון שלום אַש, אברהם רייזען, מאַני לייב, מ.ל. האַלפּערן, קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, מלך ראַוויטש און ראַשעל וועפּרינסקי. אויך וועגן פּאָעטן פון יינגערן דור: ישעיה שפּיגל, רייזל זשיכלינסקי, שפרה ווערבער און אויף אַלגעמיינע ליטעראַרישע טעמעס.

דאָס בוך האָט האַרטע טאָוולען, 128 זייטן, ליכטיק פּאַפּיר מיט שיינעם שריפט. עס איז דאָס אַכטע בוך פונעם מחבר, געוועזענער רעדאַקטאָר פון "צוקונפט" איצטיקער מיטאַרבעטער פון "פאָרווערטס".

* "די גאָלדענע קייט" נומ. 124, פערטליאָר — שריפט פאַר ליטעראַטור און געז. פּראָבלעמען. רעדאַקטאָר — אברהם סוצקעווער.

* ירושלימער אַלמאַנאַך" נומ. 18, ירושלים 1988. רעדאַקטאָר — יוסף קערלער.

* "אָנהייב", נומ. 13, מיאַמי — ביטש, פלאָרידאַ, אָקטאָבער 1988. רעדאקציע: אשר שטשוטשינסקי, משה בעקער.

* יידיש — וועלט" נומ. 58, תל — אביב, נאָוועמבער 1988. חודש — שריפט פון וועלטראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור. רעדאַקטאָר — יצחק יאַנאַסאָוויטש.

## כראָניק פון לאָס — אנדזשעלעסער יידישן קולטור — קלוב

דער קלוב, וועלכער איז שוין אריין אין 63 טן יאָר פון זיין עקזיסטענץ, האָט דערעפנט דעם סעזאָן, 89 — 1988, באלד נאָך סוכות. דער עולם האָט שוין געוואַרט דערויף מיט אומגעדולד.

שבת צונאַכט, אָקטאָבער 8 האָט, ווי תמיד ביי דער דערעפענונג, באַשע וואַנאַמייקער פאַר געלייענט פון דער יידישער ליטעראַטור. דאָס מאָל אַ דערציילונג פון ש. איזבאַן "דער שדכן פון נאָרפאָלק סטריט". אין דער מוזיקאַלישער פּראָגראַם איז אויפגעטראָטן די זינגערין ריסאַ איגעלפעלד, וועלכע באַגלייט זיך אַליין אויפן אקארדיאָן.

זונטיק אָוונט, אָקטאָבער 16 : אַן אוונט לכבוד שרה ליינער צום דערשיינען פון איר בוך "טעג פון יום — טוב און זכרון". אין דער מוזיקאַלישער פּראָגראַם : די זינגערין איזאַבעל קאַץ.

מוצאי — שבת, אָקטאָבער 22 : מנחם קאַרסאָן האָט רעפערירט וועגן ר׳יהודה הלוי, דיכטער און פילאָזאָף. מוזיקאַלישע פּראָגראַם: ניצאַ נימאַן, יידישע און ישראל — לידער.

מוצאי — שבת, אָקטאָבער 29 : יעקב לעווין האָט פאָרגעלייענט פון אונדזער קלאַסישער און הומאָריסטישער ליטעראַטור. מוזיקאַלישע פּראָגראַם: אַלעקסאַנדער רובינשטיין, טשעלאָ.

מוצאי — שבת, נאָוועמבער 5 : אַ גאַסט פון ניו — יאָרק, מנחם ראָזענזאַפט, פּרעזידענט פון ציונ. אַרבעטער פאַרבאַנד, האָט גערעדט וועגן די וואַלן אין ישראל און זייער באַדייטונג.

מוצאי — שבת, נאָוועמבער 12 : נתן גראָוויטש האָט געגעבן אַן אפשאַץ פון די וואַלן אין אַמעריקע.

מוצאי — שבת, נאָבעמבער 19 : מאָטל האָראָוויץ האָט פאָרגעלייענט פון די ווערק פון יצחק באַשעוויס זינגער. אין דער מוזיקאַלישער פּראָגראַם די קלעזמער גרופּע.

מוצאי — שבת, נאָוועמבער 26 : לילקע מייזנער: מענדל מאַן, דער דערציילער פון "רויזן צווישן דערנער". מוזיקאַלישע פּראָגראַם : ריסא איגעלפעלד מיט איר אַקאָרדיאָן.

מוצאי — שבת, דעצעמבער 3 : שרה ליינער: "אַלט — נייע געדאַנקען וועגן חנוכה" מוזיקאַלישע פּראָגראַם: דער כאָר פון "איי — פּי — איי", אָנגעפירט פון ניצאַ נימאַן.

מוצאי — שבת, דעצעמבער 10 : דער דיכטער משה שקליאַר האָט רעפערירט וועגן יצחק מאיר ווייסנבערג. מוזיקאַלישע פּראָגראַם : אַלעקסאַנדער רובינשטיין, טשעלאָ.

מוצאי — שבת, דעצעמבער 17: עטל טעפּט האָט דערציילט וועגן די סאָציאַלע באַדינונגען פון דער היגער יידישער קהילה. אין דער מוזיקאַלישער פּראָגראַם: ליליען ווילק, געזאַנג.

מוצאי — שבת, יאַנואַר 7, 1989: בערנאַרד ווייסבערג: "67 טעג נאָך די וואַלן אין ישראל", וועלכע ענדערונגען זיינען פאָרגעקומען? פּראַגעס און דיסקוסיע.

מוצאי — שבת, יאַנואַר 14: אַן אָוונט צום אָנדענק פון זוסמאַן בונין ז"ל, מיטן אָנטייל פון זיין זון סטענלי, חיים שוואַרץ און משה כהן. געזאַנג: איזאבעל קאַץ.

מוצאי — שבת, יאַנואַר 21: ווידער שרה ליינער אין אַ לעקציע וועגן "חמישה עשר בשבט — דער ניי יאָר פון דיביימער". מוזיקאַלישע פּראָגראַם: רייזל שימעל, אויף דער פּיאַנאָ פּסח מאַלעוויץ.

מוצאי — שבת, יאַנואַר 28 און זונטיק יאַנואַר 29, אַ גאַסט פון ניו — יאָרק. איטשע גאָלדבערג האָט שבת אָוונט רעפערירט וועגן אליעזר שטיינבאַרג, דער פאַבל מייסטער פון דער יידישער ליטעראַטור, און אויף מאָרגן, זונטיק, וועגן "יידיש, די לאַנדשאַפט פון אונדזער נשמה".

מוצאי — שבת, פעברואַר 4: ווידער אַ גאַסט פון אויסער שטאָט, די אַרטיסטין חיה'לע אַש. דאָס מאָל איז איר טעמע געווען: שלום — עליכם דער דראַמאַטורג און זיין איינפלוס אויף דעם אַקטיאָר.

מוצאי — שבת, פעברואַר 11: דער אַמעריקענער יידישער סימפאָנישער כאָר אין אַ רייכער פּראָגראַם.

מוצאי — שבת, פעברואַר 18: ליליקע מייזנער האָט גערעדט וועגן: די ליטעראַרישע ירושה פון מנחם באָריישא. אַלעקסאַנדער רובינשטיין, טשעלא.

מוצאי — שבת, פעברואַר 25: יעקב לעווין האָט פאָרגעלייענט פון די ווערק פון יידישע קלאַסיקער.

מוצאי — שבת, מערץ 4: חיים שוואַרץ: וועגן לעבן און שאפן פון משה נאַדיר. רעציטאַציעס משה כהן.

מוצאי — שבת, מערץ 11: יעקב באַסנער: אויסצוגן פון דער יידישער ליטעראַטור. אין דער מוזיקאַלישער טייל: רייזל שימעל, געזאַנג, ביי דער פּיאַנאָ פּסח מעלאוויטש.

מוצאי — שבת, מערץ 18: פּראָפעסאָר עמנואל גאָלדסמיט פון ניו — יאָרק, זיין טעמע: יוסף פאַפּיערניקאָוו, דער יידישער פּאָעט, וועטעראַן.

מוצאי — שבת, מערץ 25: פּראָפ. דב נוי: עטנישע גרופּן ביי יידן.

מוצאי — שבת, אַפּריל 1: משה שקליאַר, צום דערשיינען פון זיין נייעם בוך לידער א.נ. "ליד און לעבן". מיטן אָנטייל פון פּראָפעסאָר מאַרווין זוקערמאַן, ליליקע מייזנער און יעקב לעווין.

**יעקב שייפער**

## אונדזערע אבידות

# אלימלך (מאָריס) דייטש ז״ל

דעם 17־טן יאַנואַר ד.י. איז אין לאָס־אַנדזשעלעס אַוועק אין דער אייביקייט דער דינאַמישער געזעלשאַפטלעכער טוער אלימלך (מאָריס) דייטש ז״ל, אַ פירנדיקער חבר אין ציוניסטישן אַרבעטער־פאַרבאַנד, בויער און דירעקטאָר פונעם ״אינסטיטוט פאַר יידישער דערציונג״, לאַנגיאָריקער וויצע־פּרעזידענט פון היגן יידישן קולטור־קלוב.

געבוירן אין ריגע (לאטוויע) אין 1899, האָט ער פון זיינע פריע יוגנט־יאָרן זיך אָנגעזאַפּט מיט ליבשאַפט צו דער יידישער קולטור און צו דער אידעע פון אַרבעטנדיקן ציוניזם — פועלי־ציון. ווי אַ חלוץ איז ער אין 1921־סטן יאָר עולה אין דעמאָלטיקן פּאַלעסטינע. נישט קאָנענדיק אויסהאַלטן די שווערע באַדינגונגען אונטערן בריטישן מאַנדאַט איז ער מיט צוויי יאָר שפּעטער אַוועק קיין אַמעריקע און זיך באַזעצט אין באָסטאָן (מאַס.) זייער גיך ווערט ער אַקטיוו אין דאָרטיקן געזעלשאַפטלעכן יידישן לעבן. זייער פיל ענערגיע שענקט ער דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד פ.צ. ווו ער ווערט, אַדאַנק זיין טאַלאַנט און איבערגעגעבנקייט, דערהויבן אין דער אָנפירערשאַפט. דאָרטן באַקענט ער זיך מיט זיין צוקונפטיקער פרוי רחל, אַ גראַדואירטע פון לערער־סעמינאַר און אָנגעשטעלטע אין די יידישע פאָלקס־שולן. אלימלך און רחל האָבן חתונה, בויען אויף אַ וואַרעמע היים אָנגעפילט מיט יידישער טראַדיציע, קולטור און ציוניסטישן אידעאַל. זייער היים ווערט אַ זאַמל־פּונקט פאַר הילף לטובת דער ״מדינה אונטערוועגנס״, ווי אויך פאַר די אָרטיקע יידישע דערציערישע און קולטור־באַדערפענישן.

פון באָסטאָן קומען אלימלך און רחל דייטש קיין לאָס־אַנדזשעלעס. דאָ, אין דעם וואַקסנדיקן יידישן ישוב אַנטוויקלט אלימלך זיין פולן פּאָטענציאַל פון אַן אחריותדיקן, איבערגעגעבנעם מיט לייב און לעבן עסקן. נישט געקוקט אויפן עול פרנסה און די שוועריקייטן פון אַריינוואַקסן אין דער נייער סביבה, גיט ער אָפּ אַ סך צייט און ענערגיע דער ציוניסטישער און יידישער קולטור־טעטיקייט, אָרגאַניזירט דעם פאַרבאַנד־צווייג אויפן נאָמען פון אַלבערט איינשטיין, איז צווישן די בויער פון דער ״לואי אָפּרייט״ פאָלקשול, וואָס איז באַזוכט געוואָרן פון 200 תלמידים. ער האָט אויך געווידמעט זיינע בעסטע כוחות און זאָרג פאַר דעם בנין פונעם ״אינסטיטוט פאַר יידישער דערציונג״, ווו ס׳איז געווען אַן עלעמענטאַר־שול און אַ קינדער־גאָרטן. אלימלך דייטש איז דערוויילט געוואָרן צום פאַראַנטוואָרטלעכן אַמט פון דירעקטאָר און אַדמיניסטראַטאָר פון דער אימפּאָזאַנטער אינסטיטוציע, זאָרגנדיק טאָג און נאַכט פאַר אירע דערציערישע און עקאָנאָמישע באַדערפענישן. ער איז געווען באַליבט צווישן די תלמידים, עלטערן און לערער.

אינעם אינסטיטוט האָט אלימלך דייטש פאַרבראַכט מער צייט ווי אין דער היים. שוין זייענדיק קראַנק, ווען ער האָט נאָך רחלס טויט נישט געקאָנט זיך מער אַן עצה געבן אין דער שיינער היים זיינער, פלעגט ער פון דער היים פאַר עלטערע מענטשן, ווו ער האָט זיך אַריבערגעקליבן, נעמען יעדן טאָג אַ טעקסי צום אינסטיטוט, פאַרברענגענדיק דעם טאָג אין זיין ביוראָ־צימער. ער האָט leider נישט געקאָנט מער שטיין אויף די פיס און איז, נאָכן אָפּזיין אין אַ ״קאָנוואַלעסענט־האָם״ מער ווי אַ יאָר, דאָרט געשטאָרבן זאַט אין יאָרן.

אין יידישן קולטור־קלוב איז אלימלך דייטש אַ סך יאָרן געווען וויצע־פּרעזידענט און געזאָרגט פאַר דער ביבליאָטעק, פּראָגראַמען און אַקטיוויטעטן. ער איז אויך געווען

קאַסירער פון דער הסתדרות־פונדאַציע אין קאַליפאָרניע. פאַר אַ סך יאָרן האָט ער מיט אַ ברייטער האַנט געשטיצט יידישע קולטור־אינסטיטוציעס, יידישע שרייבער, געהאָלפן צום דערשיינען און פאַרשפּרייטן פון זייערע ביכער.

אלימלך דייטש איז געווען אַ ביז גאָר אידעלער מענטש, אינטערעסאַנטער שמועסער, סענסיטיוו און ברייטהאַרציק, מיט מסירת נפש פאַרטיידיקט די אידעען און פּרינציפּן אין וועלכע ער האָט געגלייבט.

אלימלכס מיטצייטלער וועלן טראָגן זיין אָנדענק מיט פאַרערונג און יראת הכבוד. ער האָט פאַריותמט אַ זון, דריי אייניקלעך אין ל.א. און אַ ברודער, שמעון דייטש, אין שיקאַגאָ — אַ באַקאַנטער געזעלשאַפטלעכער, קולטור־טוער און מעצענאַט.

* * *

צו די שלושים פון אלימלך דייטש, דעם 19־טן פעברואר ד.י. האָבן דער "אינסטיטוט פאַר יידישער דערציונג", דער ל.אַ. יידישער קולטור־קלוב און דער ציוניסטישער אַרבעטער־פאַרבאַנד איינגעאָרדנט אַ הזכרה־פאַרזאַמלונג אין זאַל פון יידישן קולטור־קלוב. עס האָבן זיך באַטייליקט פאָרשטייער פון אַלע אָרגאַניזאַציעס אין וועלכע אלימלך דייטש איז געווען אַקטיוו.

דעם פאָרזיץ האָט געפירט משה כהן. ער האָט געעפנט דעם צוזאַמענקום מיט רעציטירן ה. לייוויקס "ירושלים". עס האָבן גערעדט: אייב פראַנק — דירעקטאָר פון דער הסתדרות פונדאַציע; לייב נאַטאַנזאָן — פון ציוניסטישן אַרבעטער־פאַרבאַנד; צבי הירש — יידיש ברענטש פון ציוניסטישן אַרבעטער־פאַרבאַנד; מאָטל האָראָוויץ; דאָראָטי נאַטאַנזאָן — פּיאַנערן פרויען — נעמת; בערנאַרד ווייסבערג — דירעקטאָר פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע; משה כהן — פּרעזידענט פון ל.אַ. יידישן קולטור־קלוב; פיליפ דייטש — אַדוואָקאַט, זון פונעם פאַרשטאָרבענעם; אַלען דייטש — אייניקל; נאָרמאַן קאָכין — איצטיקער דירעקטאָר פון אינסטיטוט.

אַלע האָבן מיט ליבע דערמאָנט אלימלך דייטשס מסירת נפש און פאַרדינסטן פאַרן דערפאָלג פון זייערע אָרגאַניזאַציעס און דעם גרויסן פאַרלוסט וואָס די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט האָט געליטן מיט דייטשס פּטירה.

די פאַראַבלטע משפחה האָט בייגעשטייערט אַ טשעק אויף 1000 דאָלאַר פאַר דעם אינסטיטוט, אין אָנדענק פונעם זיידן.

## העניך בערמאַן ז"ל

דעם 12־טן יאַנואַר 1989 איז אַוועק אין דער אייביקייט דער געזעלשאַפטלעכער און קולטור־טוער, אַקטיוויסט אין וויכטיקע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין לאָס־אַנדזשעלעס, העניך בערמאַן. ער איז געווען אַ מענטש פון טיפער אינטעליגענץ, אַלזייטיקן וויסן און פענאָמענאַלן זיכרון, וואָס האָט אים געדינט ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן. געווען אָנגעפילט מיט טיפער למדנות וואָס ער האָט איינגעזאַפּט נאָך אין די קינדער־יאָרן אין דער היים פון זיין פאָטער, דעם רב אין שטעטל, און אין דער ישיבה פון חפץ חיים. גלייכצייטיק האָט ער אויך באַגערט צו באַקענען זיך מיט די נייע שטרעמונגען אין יידישן לעבן, מיט וועלטלעכער יידישקייט. ער איז גיך באַהאַוונט געוואָרן אין דער יידישער און העברעישער ליטעראַטורן. זייענדיק באַשאָנקען מיט אַן אַנאַליטישן געדאַנק, האָט ער געקאָנט בליץ־שנעל מסביר זיין אַ שווערע סוגיה. ער האָט אויך געהאַט אַן אומגעהויערן געפיל פאַר הומאָר; געווען אַ גייענדיקע ענציקלאָפּעדיע פון משלים, אַפאָריזמען און פאָלקלאָר, וועלכע ער האָט שטענדיק גרייט געהאַט אין זיכרן צו יעדער פּאַסיקער געלעגנהייט. ער האָט עס אָפט פּרעזענטירט אין עפנטלעכע פּראָגראַמען אין יידישן קולטור־קלוב אין ל.א., ווי אויך בעת צוזאַמענקומען אין ענגערע קרייזן.

* * *

געבוירן אין האָראָדלע (פוילן), אַ קליין שטעטעלע אין לובלינער געגנט, האָט הענעך בערמאַן אין די פריע קינדער־יאָרן געלערנט ביי מלמדים אין שטעטל און ביים טאַטן. ווען ער איז אונטערגעוואַקסן איז ער אַוועק לערנען אין דער באַרימטער ישיבה פון חפץ חיים. אין פריען עלטער פאַרלאָזט ער די ישיבה, שוואַרצט די גרענעץ קיין רומעניע (קישענעוו), ווו ער לעבט עטלעכע יאָר ביז עס געלינגט אים צו באַקומען די אַמעריקאַנער וויזע. ער פאָרט צו אַ פעטער אין מילוואָקי. אין קישענעוו האָט ער געלאָזן זיין צוקונפטיקע פרוי, חוה, וועלכע קומט צו אים שפעטער קיין אַמעריקע.

נאָכן אָפּזיין עטלעכע יאָר אין מילוואָקי קומען די בערמאַנס קיין מינעאַפּאָליס, ווו הענעך פאַרנעמט זיך מיט מסחר. גלייכצייטיק שליסט ער זיך אָן אין נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, ווו ער ווערט אַן אַקטיווער טוער, און אויך אין יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס.

אין 1959 פאַרלאָזט הענעך מיט זיין משפחה מינעאַפּאָליס און באַזעצט זיך אין לאָס־אַנדזשעלעס ווו ער וואַקסט שנעל אַריין אין דעם געזעלשאַפטלעכן געוועב פון דעם גרויסן יידישן קיבוץ. ער באַטייליקט זיך אַקטיוו אין דער אַרבעט פון די געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע און קולטור־אָרגאַניזאַציעס אין שטאָט. מען דערקענט זיך דאָ גיך אויף זיינע פעיקייטן און ער ווערט אַ חבר אין דער אָנפירונג פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, ווערט פאַרטרעטער פון דער צייטשריפט "יידישער קעמפער" אין ל.א. ביז די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן איז ער אויך אַן אַקטיווער מיטגליד אין דער פאַרוואַלטונג פון יידישן קולטור־קלוב. הענעך בערמאַן איז אויך פאַר אַ סך יאָרן דער פאַרוואַלטער פון דער צייטשריפט "חשבון".

אין 1979 האָט הענעך בערמאַן אָנגעהויבן ליידן פון אַ שווערער אויגן־קראַנקהייט, פון וועלכער ער איז בלינד געוואָרן. אין דעם צושטאַנד האָט ער נישט אויפגעגעבן זיינע פליכטן אין די געז. אָרגאַניזאַציעס. ער האָט נאָך אַלץ געדינט מיט זיין אָנגעזאַמלטער דערפאַרונג און פּראַקטישע עצות. מיט אַן ערך דריי יאָר צוריק איז הענעך בערמאַן געצוווּנגען געווען אויפצוגעבן זיינע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן. ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן איז זיין גערדאַנק געווען קלאָר. ער פלעגט זיך טעלעפאָניש נאָכפרעגן ווי עס גייט אין די אינסטיטוציעס וועלכע ער האָט געדינט אַ לעבן לאַנג.

הענעך בערמאַן האָט פאַראַבלט זיין פרוי חוה, זיין זון און אייניקלעך. דאָס יידישע לאָס־אַנדזשעלעס וועט אים שטענדיק געדענקען.

**גרשון פרידמאַן**

---

מיר טרויערן אויפן פאַרלוסט פון אונדזער יוגנט־חבר,

לעבנסלאַנגן האַרציקן חבר

## יעקב בלאַנק ע"ה

דערציער, לעקטאָר און קולטור־אַקטיוויסט.

אונדזער טרייסט און מיטגעפיל צו זיין געטרייער פרוי דינה, די זין וואַלטער, הענרי און דזשערי.

**גרשון און חייהלע פרידמאַן און משפחה**

לאָס=אַנדזשעלעס

# זייט איר שוין אַ מיטגליד אין

# ארבעטער רינג?

דאָס איז די עלטסטע יידישע פּראַטערנאַלע און
סאָציאַל-פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע.

דער אַרבעטער רינג גיט זיינע מיטגלידער אַ מעגלעכקייט צו זיין
אַקטיוו אויפן געביט פון אָנהאַלטן און אַנטוויקלען די נאַציאָנאַל-
קולטורעלע אוצרות פון אונדזער פאָלק צו אָרגאַניזירן אין די
ראַמען פון די ברעגנטשעס פראַטערנאַליזם און קעגנזייטיקע הילף.

פאַר גענויערער אינפאָרמאַציעס שרייבט צו:

## THE WORKMEN'S CIRCLE

1525 South Robertson Blvd. ⊙ Los Angeles, Calif. 90035

אָדער טעלעפאָנירט: (213) 552-2007

# א הסתדרות אניואיטי טראסט-קאנטראקט

— פון דער —

# ישראל הסתדרות פונדאַציע

אינקאָרפּאָריטעד

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי:—

- אַ יערלעכע הכנסה אַזוי הויך ווי 10% (לויט די יאָרן) און
- באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען:

הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, „פּראָבעיט"־הוצאות, ווי אויך פונעם „קאַפּיטל־געינס"־שטייער אויף סעקיוריטיס, וואָס איר האַלט לענגער ווי 6 חדשים.

זייט איר פאַראינטערעסירט...

אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל?

אויב יאָ... טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם נייעם 10% פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראָסט פונדאַציע.

ריכטער סעם ס. שוואַרץ, ערן־פּרעז. משה כהן, באָארד־טשערמען

אברהם פרענק, עקזעקוטיוו־דירעקטאָר

שניידט אויס דעם קופּאָן און שיקט צו דורך פּאָסט:

---

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**
**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**

8455 Beverly Blvd., Suite 402 • Los Angeles, Calif. 90048
Telephone: 658-6334

APPLICATION for Histadrut Annuity Trust Agreement

To be issued to..........................................................................................

Address.......................................................................................................

Date of Birth..................................Soc. Sec. No.......................................

Principal Amount $.....................................................................................

Date.........................Signature of Applicant...............................................